# שבת בלעטל

פרייטאג, אפריל 6, 2012 — ערב יום-טוב פסח, תשע״ב ~ נומ. 9

קאמענטאר / טעכנאלאגיע און רבנים:

פון: אח-לצרה

## טרעניררט אויף נישט צו טראכטן

אין די טעג גרייטן מען זיך צו א מאסיוועער ״אסיפה״ וואו עס וועלן זיך לויטן פלאן צוזאמענקומען צענדליגער טויזנטער חרדי׳שע אידן אין סיטי-פיעלד סטאדיום אין קווינס, ניו יארק, צו רעדן איבער עצות צו באקעמפן דעם ״פראבלעם״ פון אינטערנעט. איך האב קיין צווייפל נישט אז צווישן די עסקנים וועלכע זענען טעטיג אין דעם פראיעקט זענען פאראן אזעלכע ווענען עס טוט באמת וויי דעם שפל-המצב פון אידישקייט, און זוכן מעטאדן וויאזוי צו ראטעווען די געזעלשאפט. די זענען ווארשיינליך פאראנטווארטליך פאר דעם נייעם מאדערנעם טאן וואס דער איצטיגער קאמפיין האט אנגענומען, א שטארקער אפנויג פון דעם מיליטאנטישן מהלך פון פרעדיגן סיטרא-אחרא און כוחות הטומאה.

איין פראבלעם איז אבער דא, און דאס איז אז מען איז מיט א צען יאר הינטערשטעליג. אין לויף פון די אלע יארן ווען רבנים און כלל-טוער זענען געגאנגען מיט׳ן קאפ אין וואנט, און האבן געשטורמט מיט בייזע דרשות און סטראשונגען אז אינטערנעט איז יהרוג ואל יעבור, זענען קיל-קעפיגע מענטשן ארומגעגאנגען און צוגעקוקט ווי טראגיקאמיש דאס איז, אז די וועלכע דארפן היטן דעם וואוילזיין פון דער געזעלשאפט האבן נישט די פראגמאטישע פעאיגקייטן צו זיין חכמים הרואים את הנולד און פארשטיין אז מיר לעבן אין נייע צייטן. צען יאר צוריק, וואלט א מאסיוועער סיטי-פיעלד צוזאמקום געקענט אויפטון א סך בנוגע אפהיטן די חרדישע געזעלשאפט – אבער דעמאלט איז מען געווען פארנומען מיט געוואלד צו שטיפן דעם קאפ אין זאמד. היינט, ווען סיטי-פיעלד קען שוין אויך נישט העלפן, האט מען זיך דערמאנט אין א מעטאד וואס וואלט אמאל געקענט ארבעטן.

די יארן פון ״קעמפן״ קעגן דעם אינטערנעט האט געלאזט א ביטערן טעם אין מויל – עס האט געוויזן ווי רבנים און כלל-טוער לעבן אין אן אנגייענדיגער הוה, און נעמען נישט אריין אין בילד אפילו אן עתיד פון עטליכע חדשים. אז דער המון-עם לעבן אינעם יעצט איז דאך נישט קיין חידוש; וואס קען מען דען ערווארטן פון פשוטי-עם? אבער אנשטאט נעמען די ריזיקע און קוקן מיט א ברייטן בליק, זעצן זיך די רבנים אריין אין דעם באקוועמען יעצט, אן קיין שום וויזיע פאר דעם עתיד.

*

פאר מיר האבן פובליצירט דעם פאראדיע ארטיקל איבער א פיקטיוועער ״אסיפה״ פון בעלי-בתים (״שבת בלעטל״ נומער 8), האבן מיר ערווארטעט אז עס וועט זיין פאפולער, אבער אויף ווי ווייט

המשך אויף זייט 2

> ״זמן חירותינו״ און דעמאקראטיע
>
> א פראמינענטער מרביץ-תורה שרייבט איבער ״כינוס כלל ישראל״
>
> איבערזיכט אויף דבורה פעלדמאנ׳ס בוך
>
> דער ׳שטיבל׳ אין וויליאמסבורג
>
> און נאך...

דאס לעבן / פרויען ביי חרדים:

פון: שמואל כ״ץ

## אקופּיר ראדני סטריט

### יעדע רעוואלוציע דארף א באס-רייזע, און די חסיד׳ישע וועלט האט יעצט איר׳ס. אבער קען דען די חסיד׳ישע געזעלשאפט האבן א רעוואלוציע?

יעדע רעוואלוציע דארף א באס-רייזע. די ציווילע רעכטן באוועגונג האט געהאט ראָזאַ פּאַרקס׳ באס-רייזע אום דעצעמבער 1, 1955, און די ״פרייהייט רייזנדע״ אין 1961. די רעוואלוציע אויף וועלכער איך האב אייביג געווארט האט יעצט איר אייגענע באס-רייזע. עטליכע חדשים צוריק, אקטאבער 18, האט דער ״ניו יארק ווארלד״ פּובליצירט א באריכט איבער א פרוי וועלכע האט זיך געזעצט אויף א זיץ פארנט פון דעם בי-110 ״בארא-פּארק-וויליאמסבורג״ באס, און איז פארבעטן געווארן זיך צו רוקן פון הינטן. אקטאבער דעם ניינצנטן האט דער ״ניו יארק טיימס״ אויך באריכטעט די געשיכטע, און ען-פּי-אר האט גערעדט דערפון אויף דעם צוואנציגסטן. אין לויף פון עטליכע טעג איז די חסידישע וועלט ווידעראמאל באטראכט געווארן אונטער דעם מיקראסקאפּ.

אין דעם קאנטעקסט פון דער ״אקופּיר וואל סטריט״ באוועגונג און די נייעס פון ליביע און טוניזיע, האט דער שמועס איבער געשלעכט-צעטיילטע באסעס אין דער חסידישער

המשך אויף זייט 16

עס וועט אפקלינגען איבער דער אידישער וועלט איז געווען גענצליך אומערוואַרטעט. דער ארטיקל, וועלכער איז געשריבן געווארן אין רעאקציע צו א רבני'שער אסיפת הכנה פאר דעם סיטי-פיעלד מעמד, איז געלייענט געווארן טויזנטער מאל אין אונזער בלעטל, און איז צעשיקט געווארן דורך אימעיל צו נאך טויזנטער – אפשר צענדליגער טויזנטער – חרדי'שע אידן. מיר האבן ערהאלטן רעאקציעס פון אידן פון דער גאנצער וועלט, געוויסע וועלכע האבן געהאלטן אז דער ארטיקל איז געווען א שוידערליכע חטא, אבער רוב האבן אויסגעדרוקט אויסערגעווענליך-פאזיטיווע און סימפאטישע סענטימענטן. אויף דעם אינטערנעט זענען געווען פילע קאמענטארן פון אזעלכע וועלכע האבן געשפירט אז דער ארטיקל סומירט לאנגע יארן פון שקר און צביעות, און קען מעגליך דינען אלץ אן "אויג-עפענער" פאר רבנים זעלבסט, אז זיי זאלן זיך כאפן אין וואספארא מיאוס'ן פלאנטער זיי געפינען זיך צוליב זייער אויפפירונג.

פון דער אנדערער זייט האט א שרייבער מיט'ן נאמען ברוך קאמענטירט:

וויפיל מיר וואלטן נאר ליב געהאט אריינצושטעלן אונזערע קעפ אין זאמד און פרעטענדירן אז אלעס איז פיין, איז דער אמת אז מיר געפינען זיך אין ביטערע צרות. דאס "בלעטל" לייגט אראפ אויף פאפיר אזוי עלאקוואנט די הארץ-ווייטאג פון דעם המון-עם, און די ווייטאגליכע מיטמאכענישן פון א פארלוירענעם דור, וואס פרובירט צו כאפן עפעס אויף וועלכן זיך אנצוהאלטן.

פרנסה איז אין דער ערד, און דער חסרון פון פאסיגער בילדונג אין די חדרים פארזיכערט אז עס וועט אזוי בלייבן. בתי-דין, גאט זאל באהיטן אויב איר דארפט האבן געשעפטן מיט זיי, זענען פיל מער ווי קארופטירט, ווי איר אלע ווייסט.

רבנים, אפילו אויב זיי זענען ערליך, האבן נישט קיין שייכות מיט פשוט'ע מענטשן און האבן נישט קיין מושג וויאזוי דאס לעבן גייט פאר א דורכשניטליכן איד. און נאכדעם זענען דא אזעלכע וועלכע נוצן פרומקייט לקנטר, צו קאנטראלירן און באשטראפן ווען און וועמען זיי זענען מחליט. די רבי'שע קינדער זענען אויסשטאפירט מיט הייזער און בוגאבו-וועגעלעך. אפילו די וועלכע זענען אויבנאויף נישט קארופטירט, האבן "מאכערס" ארום זיי וועלכע טוען זייערע שמוציגע ארבעט מיט פולקאמער אמנעסטיע.

דער גאנצער סיסטעם ארבעט אויף גניבה און גזילה – פון סעקשאן 8, וואוטשערס, פוד סטעמפס, וכו'. [ווען די רעגירונג האט געטיילט אנטשעדיגונג-געלטער זענען] טויזנטער געשטאנען אין דער שורה אפצונעמען געלט פאר שאדנס פון האריקאן איירין וועלכע זיי האבן קיינמאל נישט געהאט. עס איז אנגענומען פאר פשוט אז יעדע חתונה-געהאטע פארפאלק וועט שנעל זיך איינשרייבן פאר יעדן רעגירונג-פראגראם בנמצא. מ'ווערט גאר פארערכנט ווי א נאַר אויב מ'נעמט נישט אנטייל אין די גניבות.

די זאכן זענען בלויז דעם שפיץ פון דעם אייז-בארג, און דער עולם באמערקט יעדן טאג מער און מער ווי פארלוירן מיר זענען. אבער נאך אן ערגערע רעאליזאציע איז אז עס איז נישטא קיין איינער וועלכער וועט אדרעסירן די טעמעס. אט דער טרויעריגער פאקט ווערט אנערקענט און מאכט מענטשן בכעס און פארצווייפלט.

עס זענען די דאזיגע געפילן וואס דער ארטיקל נעמט אזוי גוט צוזאם. עס רעדט די ווערטער וועלכע האבן זיך געפינען אויף דעם שפיץ פון אונזער צונג.

דער טרויעריגסטער חלק פון דעם אלעס איז אז אויב איר ווייזט דעם ארטיקל פאר רוב רבנים וועלן זיי בכלל נישט כאפן וואס איר ווילט. זיי זענען אזוי ווייט אוועק פון פארשטיין די ווייטאג פון זייער עולם. היסטאריקער וועלן איין טאג צוריקקוקן צו דער יעצטיגער צייט, און וועלן אנווייזן אויף דעם ארטיקל אז דאס איז די ווארנונג וואס די היינטיגע פירער האבן פארפעלט אויסצוהערן.

איך מוז מסכים זיין צו ברוכ'ן. נישט נאר ווייל אין טעאריע איז ער גערעכט, נאר ווייל איך ווייס פון עטליכע רבנים וועלכע זענען געוויזן געווארן דעם ארטיקל, און זייער רעאקציע איז געווען אקוראט אין איינקלאנג מיט ברוכ'ס פארשטאנד; זיי האבן נישט אנגעפאנגען כאפן וואס דער שרייבער האט געוואלט. אבער דאס איז נישט א באשולדיגונג אויף זייער אינטעליגענץ – א גרויס חלק רבנים זענען זייער קלוג, נאר רבנות איז געווארן א מיטל פאר באקוועמליכקייט, פאר קאנפארמיטעט. וויבאלד א רב וועט קיינמאל נישט קענען מפרסם זיין זיין אייגענע דעה נאר אויב עס איז אין איינקלאנג צו די דעות פון עקסטרעמע פאליסי-מאכער, וועלן זיי ליבערשט נישט אנטוויקלען קיין אריגינעלע דעות. צו וואס טראכטן און שאפן דעות, אויב די רבנות-פאזיציע איז אזא וואס לאזט סיי-ווי נישט אויסדרוקן א דעה?

ווען סיטי-פיעלד וואלט אהערגעשטעלט געווארן צען יאר צוריק, און די גאנצע ווילדע מערכה וואלט קיינמאל נישט עקזיסטירט, וואלטן רבנים נישט געווען אזוי ללעג ולקלס, און דאן וואלט מען געקענט שאפן תקנות וועלכע וואלטן אריינגעפאסט דעם נייעם מציאות פון אינטערנעט אין די חרדישע ראמען. אבער פאר די לעצטע צען יאר איז געווען אין סטיל צו ליאמערן, צו רעדן וועגן דעם "טמא'נעם כלי", צו לעבן אין היפאקריטסווע פארשרייענדיג דעם אינטערנעט בעת די אייגענע חסידים נוצן עס פאר'ן רבי'נס אינטערעסן. און קיינער פון די רבנים האט זיך נישט אויפגעוועקט צו שרייען אז לא זו הדרך, ווייל זיי קענען נישט רעדן אנדערש פון דעם שוואונג – נישט נאר זיי האלטן זיך צוריק פון זאגן אריגינעלע דעות, נאר זיי האבן שוין טרענירט זייער מח נישט צו טראכטן אריגינעל. קענען זיי נאר מיטזינגען מיט דעם כאר, און מיטשרייען "אינטערנעט איז א זיכערער טויט!"

אבער יעצט, ענדליך זאגן זיי שוין "מיר קענען נישט לעבן אן דעם, מיר קענען נישט לעבן מיט דעם." זיי אנערקענען שוין דעם מציאות פון לעבן, און לויט דעם רבנישן קולטור איז עס א געווינס פשוט אז זייער אנערקענען דעם מציאות. אבער יעצט איז עס א פארלוירענער קאמף, ס'וועט שוין גארנישט העלפן – חוץ אויב זיי אנערקענען דעם יעצטיגן מציאות, דעם חורבן וואס זיי האבן אנגעמאכט מיט זייער בת-היענה צוגאנג אין לויף פון די אלע יארן, און וועלן אנפאנגען ארבעטן אויף א חינוך וואס נעמט אריין צוטריט צו אינפארמאציע.❖

ליטעראטור / בוך איבערזיכט:

פון: ד. זיכערמאן

# פארדאמט פעלדמאן; נישט איר בוך

## איבערזיכט אויף דבורה פעלדמאנ'ס נייעם בוך "אנארטאדאקס: די סקאנדאליעזע צוריקוויז פון מיינע חסיד'ישעווארצלען"

א שטורעם איז אנטשטאנען אין די לעצטע וואכן נאכדעם וואס א געוועזענע חסיד'ישע פרוי, דבורה פעלדמאן, איז ארויס מיט א נייעם בוך "אנארטאדאקס: די סקאנדאליעזע צוריקוויז פון מיינע חסיד'ישע ווארצלען", וועלכער טוט אנגעבליך אויפדעקן דעם אינערליכן לעבנסשטייגער פון חסיד'ישע אידן. אין דעם בוך שרייבט זי איר לעבנסגעשיכטע ווערנדיג געבוירן אין וויליאמסבורג ביי א גייסטיש-צערודערטן טאטן, און א מאמע וועלכע האט איר פארלאזט ווען זי איז נאך געווען א קליין קינד. זי שילדערט אירע מיטמאכענישן ווערנדיג ערצויגן ביי איר זיידן און באבן, אויפוואקסנדיג אין דער סאטמארער קהילה און אין דער סאטמארער מיידל-שולע אין וויליאמסבורג.

דער חידוש פון דעם שטורעם איז געווען אז עס איז נישט געקומען נאר מצד חרדים וועלכע האבן זיך געשפירט געטראפן פון די אינפארמאציע אין דעם בוך, נאר אפילו די אראפ-פון-דרך קהילה האט עס שטארק פארדאמט. אויף דעם בלאג "אָנפייעס" האט דער רעדאקטאר שלום דין אנגעפירט א דיסקוסיע איבער פעלדמאן און איר בוך, און די פיר מיטבאטייליגטע, זעלדא דייטש, בעל דברים, שפיצעלע שטרימפקינד און לאה ווינצענט, זענען ארויסגעטראטן מיט שארפע ווערטער. זיי האבן אלע גע'טענה'ט אז געוויסע שילדערונג פון דעם חסידישן לעבן זענען שטארק איבערגעטריבן, און ברענגט נאר צווייפלען אויף דער אויפריכטיגקייט פון די וועלכע האבן פארלאזט דעם חסידישן דרך. בעל-דברים שרייבט אז אנשטאט דער בוך זאל אויפדעקן דעם חסידישן לעבנסשטייגער, "באקומען מיר שווידערליכע און שמוציגע דעטאלן פון לעסביאנישע מקוה-פרויען און נוצלאזע געשלעכטליכע ארגאנען און גרויליגע מערדערייען."

דער באקאנטער בלאגער שמריה ראזנבערג האט זיך צוגעשטעלט צו דעם כאר פון פארדאמונגען, און האט טאג-טעגליך אונטערגעריסן די אויפריכטיגקייט פון דעם בוך. אויף וועבסייטס וואו דער בוך איז פארקויפט געווארן האבן מחנות שרייבער געשימפט אז דאס איז נישט דער בוך וואס מ'זאל לייענען כדי צו באקומען א ריכטיגן איינבליק אויף חסידים. מען האט פארשריגן די "בפירוש'ע ליגנטס" און פאבריקאציעס, און די אפענע סתירות מיט וועלכע איר בוך איז אנגעבליך פיל.

נאכ'ן לייענען אזויפיל פארדאמונגען פון אלע זייטן פון דעם אידישן ספעקטרום, האב איך מיך געגרייט צו לייענען א בוך וואס איז גענצליך אפגעריסן פון דעם מציאות. א בוך וואו איך וועל געפינען הגזמות וועלכע לייגן זיך נישט אויפ'ן שכל, וואו איך וועל טרעפן זאכן וועלכע שטימען נישט פון א מענטשליכן ווי אויך חסידישן שטאנדפונקט, וואו איך וועל נישט קענען אפילו אריינפאסן דעם געמיינזאמען לעבן אויפוואקסנדיג אין אן ענליכער סביבה.

אבער למעשה בין איך איבערראשט געווארן לייענענדיג א גוט-געשריבענעם בוך, וואס שילדערט דעם סאטמארער לעבנסשטייגער כמעט גענוי ווי עס איז. דער בוך טרעט אריין אין געזעלשאפטליכע און קולטוריעזע פרטים וועלכע זענען – אויף ווי ווייט איך ווייס – נאך קיינמאל נישט אזוי קלאר און אינטימיש באשריבן געווארן. צום ביישפיל, די געפילן וועלכע יוגנטליכע גייען דורך אין דער תקופה פון שידוכים, די "בעשוי", דער חינוך מיט וועלכן מען ציט אויף די קינדער לגבי דער דרויסנדיגער וועלט, די איזאלאציע אין וועלכער מען לעבן – דער פחד פון געזעץ-אינפארסירער, דער בליק אויף פרויען, דאס פארהייראט לעבן פון א חסידיש פארפאלק, און נאך פיל. אפילו עס איז קלאר אז דער בוך וואלט געדארפט בעסער און אויסארבעטן די כאראקטערן פון דער געשיכטע, זיך טיפער דערגרינטעווען אין זייערע געפילן און פסיכאלאגיש באטראכטן זייער מעטאדן און מהלך-המחשבה, טוט עס אבער נאך אלץ געבן א שטארקן איינבליק אין דעם חסיד'ישן לעבן.

עס פעלט אבער אן אחריות. ביים ארויסגעבן א בוך פון אזא קאליבער וואלט פעלדמאן געדארפט לייענען און




איבערלייענען דעם מאנוסקריפט פאר'ן געבן פאר דער פובליקאציע פירמע און נאכדעם וואס עס איז דורך רעדאגירונג, צו פארזיכערן אז דאס מאדנע, פרעמד לעבן וואס זי שילדערט ווערט טאקע הונדערט פראצענט אויטענטיש אראפגעמאלן.

פעלדמאן איז גערעכט ווען זי טענה'ט אז די פרשה וועלכע זי דערמאנט איבער א מענטש אין קרית-יואל וועלכער האט פארשניטן דעם זון זיינעם וויבאלד ער האט מאסטורבירט איז נישט געווען צו זאגן א דעה צי די מעשה איז אמת צי נישט – איר כוונה איז בלויז געווען צו דערציילן איבער אן אינטימען שמועס וואס זי האט געהאט מיט איר מאן. אבער דאך, וואלט נישט אזא סקאנדאליעזע מעשה געדארפט באגלייט ווערן מיט א שורה אז די שרייבערין זאגט נישט דא קיין מיינונג איבער דעם אמת פון דער געשיכטע?

עס איז ביי מיר קלאר אז פעלדמאן האט נישט געהאט קיין שלעכטע כוונות ווען זי האט זיך עטליכע מאל טועה געווען אין פשוט'ע פאקטן. רוב פון אירע טעותים מאכן נישט קיין אונטערשיד פאר דעם גרויסן בילד. אבער די טעותים ווייזן אז זי האט אומ'אחריות'דיג נישט איבערגעקוקט דעם מאנוסקריפט נאכדעם וואס עס איז רעדאגירט געווארן, און אז זי האט טיילמאל נישט גענומען די מי נאכצוקוקן פאקטן. זאגאר די ערשטע עטליכע ווערטער פון דעם בוך שטימען נישט מיט'ן מציאות. דארטן שרייבט פעלדמאן אז דער נאמען "סאטמאר" שטאמט פון די ווערטער

"סאטו" און "מאר", וואס איז אונגאריש פאר "הייליגע מרים" (סעינט מערי). א שנעלער זוך אויף דעם אינטערנעט ברענגט באלד ארויף דעם פאקט אז די שטאט האט געהייסן "סאטמאר" ביז 1925, און איז דאן געטוישט געווארן צו "סאטו מאר" וואס איז ענליך צו דעם אריגינעלן נאמען, אבער מיינט אין רומעניש "גרויסער דארף".

ווי געזאגט, אזא פאקטועלער טעות מאכט נישט קיין גרויסער אונטערשיד אויף דעם גרויסן בילד, עס ברענגט אבער אויף א פראגע אויף דעם אחריות פון דער מחבר'טע. עס זענען פאראן נאך פילע אזעלכע טעותים אין לויף פון דעם בוך. טייל קומען מחוסר אחריות, ווי דעם פאל פון "סאטמאר", טייל זענען קענטיג א רעזולטאט פון א פעלערהאפטיגן ארבעט מצד דעם רעדאקטאר, און טייל – און דאס איז מיר דאס מערסטע אינטערעסאנט – נעמען זיך לכאורה פון פעלדמאנ'ס פעלערהאפטיגן זכרון. עס איז אינטערעסאנט ווי בלויז אזא קורצע צייט נאכדעם ווי זי האט פארלאזט דעם פרומען לעבן, מאכט זי שוין טעותים וועלכע נעמען זיך קלאר פון פשוט פארגעסן פאקטן.

זי דערציילט אין דעם בוך ווי איר טאטע פלעגט גענוצט ווערן אויף ביליגע ארבעט פאר וועלכע מ'דארף נישט קיין סך שכל. איין זאך וואס ער פלעגט טאן איז געווען גיין גלייך ביים זמן מוצאי-שבת אנצינדן די מאשינען אין א גרויסער בעקעריי, וויבאלד, לויט פעלדמאן, "די הלכה פארלאנגט אז א איד זאל זיין דער וועלכער צינדט אלעס אן." פאקטיש איז די הלכה נישט אזוי, די הלכה פארלאנגט נאר אז א איד זאל זיין דער וועלכער צינדט אן דעם אויוון אין וועלכן מען באקט (שולחן ערוך יורה דעה סימן קיג). עס זענען פאראן נאך אזעלכע טעותים אין דעם בוך, און דער איינדרוק אז זי פארגעסט פשוט פאקטן פון דעם פרומען לעבן פארשטארקט זיך פון אן ארטיקל וואס זי האט געשריבן אין די יעצטיגע טעג פאר פסח.

אין דעם ארטיקל, געשריבן פאר דעם "דעילי" זשורנאל, שילדערט זי דעם חילוק פון א היינטיגע פסח ערפארונג פאר איר, און די אנגעצויגענע ערפארונג וואס זי האט געהאט זייענדיג פרום. זי דערמאנט ווי אפילו פיש האט מען ביי זיי אין שטוב נישט געטארט עסן, נאר אכט טעג אין א צו האט מען געגעסן "פאלשע פיש". "אפילו מיר האבן געהאט מצה אנשטאט ברויט," שרייבט זי, "איז נישט קיין שום איינטינקען אדער אנשמירן געווען ערלויבט, אלץ חשש אז די נאסקייט וועט מאכן אן אילוזיע פון יערן." יעדעס חרדיש קינד ווייסט אז די סיבה פארוואס מ'עסט נישט קיין נאסע אדער פייכטע מצות ("געבראקטס") איז אויס מורא אז עס איז מעגליך פארבליבן אומגעבאקענע מעל אויף דער מצה, און אז עס וועט נאס ווערן, וועט עס מעגליך ווערן חמץ. פעלדמאן האט אבער גענצליך אן אנדערן פשט; לויט איר איז דער טעם וויבאלד נאסע מצות ווערן אויפגעבלאזן, איז דא א פראבלעם פון מראית עין אז עס וועט אויסזען ווי עס יערט.

פארדינט זי עפעס פון פארדרייען אזא פאקט? אוודאי נישט. אבער דאס אילוסטרירט אז טייל פון די קליינטשיגע פאקטן אין דעם בוך וועלכע זענען נישט אמת, זענען נישט נאר צו פארדאנקען אן אומ'אחריות אויסצופארשן די פאקטן, און נישט נאר צוליב א רעדאקטאר וועלכער האט ארומגעדרייט די ווערטער, נאר אויך צוליב דעם וואס בלויז א קורצע צייט נאך איר פארלאזן וויליאמסבורג, פארגעסט שוין פעלדמאן דעטאלן פון איר אמאליגן לעבן.

אבער איך וויל נאכאמאל אונטערשטרייכן אז די אלע פארדרייטע פאקטן זענען מינדערוויכטיג פאר דעם ברייטן בילד – דער בוך גיט א שטארק אקוראטן בילד אויף דעם חסידישן לעבנסשטייגער, און איך וואלט געראטן א מענטש וועלכער וויל זיך באקענען מיט דעם עלעמענט, צו לייענען דעם בוך.

די קליינליכע פראבלעמען פון דעם בוך זענען בכלל נישט קיין בארעכטיגונג פאר דעם קאמפיין אין דער אראפ-פון-דרך קהילה איר צו דיסקרעדיטירן. ווי געשריבן איז איר בוך שטארק אקוראט, און די טעותים זענען נישט אזעלכע וועלכע מען קען אויסטייטשן ווי א דירעקטע פרואוו צו מאלן א פאלשן בילד. עס איז אבער פאראן אן ערנסטער פראבלעם, און דאס איז נישט מיט'ן בוך נאר מיט דער מחבר'טע פרוי פעלדמאן, און איך בין חושד אז דער אויפברויז אין דער אראפ-פון-דרך קהילה האט מער א שייכות מיט איר ווי מיט דעם בוך.

דער שידוך צווישן פעלדמאן און איר געוועזענער מאן איז געווען א דורכפאל פון אנפאנג אן, און דער שולד דערפאר איז דירעקט תלוי אין דעם חרדישן לעבנסשטייגער וואו מען פּאָרט לויט משפחה-אנגעזעענקייט, אן באטראכטן די כאראקטערס פון די באטרעפענדע. אנשטאט פעלדמאן זאל פארשטיין אז איר מאן איז געווען א קרבן פון דעם זעלבן סיסטעם, מאלט זי אים אראפ ווי דעם שפיץ פון חרדישער רשעות און היפאקריטסווע.

אין דעם בוך מאלט פעלדמאן אראפ איר געוועזענעם מאן מיט שטארק טונקעלע פארבן. צווישן אנדערע שרייבט זי אז געשלעכטליכע באציאונגען זענען אים שווער געווען ווייל ער איז געווען געוואוינט צו אזעלכע טעטיגקייטן דווקא מיט בחורים אין ישיבה, און נישט מיט פרויען. אין לויף פון דעם בוך האט זי נישט קיין איין גוט ווארט אויף אים, כאטש עס איז קלאר אז ווי אין יעדער מענטשן-באציאונג זענען געווען מאמענטן פון געפילן פון איינעם פאר'ן צווייטן. די הויפט טענה וואס זי האט צו אים איז אז באלד דער ערשטער טאג נאך זייער חתונה האט ער איר פארראטן מיט דעם וואס ער האט דערציילט פאר זיין מאמע וועגן איר אומפעאיגקייט אויסצופירן דעם געשלעכט די נאכט פון דער חתונה. זי טענה'ט אז מיט די אינפארמאציע איז איר שוויגער



דבורה פעלדמאן נעמט א פראגע פון יצחק שאנפעלד ביי "טשאלנט"

אריינגעקראכן אין איר פריוואטן לעבן, און – צוזאמען מיט דער ברייטער פאמיליע – איר כסדר נאכגעפאלגט. דאס קען זי אים נישט מוחל זיין. פאקטיש נוצט זי דאס פאר דעם תירוץ וויאזוי זי האט רעכט מפרסם צו זיין ברבים די פרטים פון די פערזענליכע לעבנס פון אירע געוועזענע משפחה-מיטגלידער.

ביים "טשאלנט" פארברענג, וואו פעלדמאן האט גערעדט פארגאנגענעם מערץ 22, האט זי פארטיידיקט איר מאראלישע בארעכטיגונג אויף נישט היטן די פריוואטקייט פון איר געוועזענעם מאן און זיינע משפחה-מיטגלידער, זאגנדיג אז מיט דעם וואס איר מאן האט נישט געהיטן איר פריוואטקייט און האט דערציילט פריוואטע אינפארמאציע פאר זיין מאמען, האט ער געוויזן אז דאס איז דער וועג וויאזוי מ'גייט זיך אום אין דער חסידישער געזעלשאפט. האלט זי אז זי האט דעריבער פונקט אזא רעכט ברבים אויסצושמועסן זיין פריוואטן לעבן.

אבער ווער אויב נישט פעלדמאן דארף פארשטיין אז איר מאן איז געווען פונקט אזא קרבן ווי זי? צי פארשטייט זי נישט אז ער האט חתונה געהאט א נאאיווער בחור, צוגעבינדן צו דער מאמע'ס פארטוך, אן קיין טראפ וויסן איבער ליבשאפט, ראמאנץ, און א געזונטן פארפעלקערליכן פריוואטן לעבן? צי פארשטייט זי נישט אז פונקט ווי זי איז אריינגעפאלן מיט א מאן וועלכער האט נישט געטיילט איר אינטעלעקט, איז ער אריינגעפאלן מיט א ווייב וועלכע האט נישט געפאסט פאר זיין כאראקטער? צי איז איר אוממעגליך צו פארשטיין אז דאס נישט קענען פירן א נארמאל געשלעכטליך לעבן האט אים געמאכט "אייביג זוכן געשלעכט"? זי האט דאך אזויפיל געליטן פון דעם חסידישן סיסטעם, קען זי נישט אויסשטרעקן א כף-זכות און פארשטיין איר מאנ'ס דורכגאנג?

דורכאויס דעם גאנצן בוך זעט מען שטארק ארויס פעלדמאנ'ס אומסימפאטיע צו איר זיידע און באבע וועלכע האבן איר פאקטיש ערצויגן; כמעט קיין איין גוטווארט גיט זי נישט אין זייער ריכטונג. און די פראגע שטעלט זיך: פארוואס? חוץ וואס דאס ברענגט אראפ דעם קוואליטעט פון דעם בוך, ווייל, ווי געשריבן פריער, די כאראקטערן ווערן אפגעמאלן אין איין דימענסיע, אן די פילע מענטשליכע פאסאדן – און גיט בלויז אן אויבערפלעכליכן פסיכאלאגישן בילד אויף די שייכות'דיגע געפילן, איז דאס אויך פשוט נישט קיין יושר זיך אזוי אויפצופירן צו אירע ערציער.

אין ליכט פון אירע שילדערונגען פון אירע געוועזענע משפחה מיטגלידער מיין איך אז עס איז נישט איבערגעטריבן צו זאגן אז זי ווייזט ארויס א זייער עגאאיסטישע פערזענליכקייט, און אט דאס קען און דארף פארדאמט ווערן. דאס איז לכאורה אויך די סיבה פארוואס די אראפ-פון-דרך קהילה איז אזוי ארויס קעגן איר; הפנים, זיי קענען איר פערזענליך, און קענען איר נישט דולדן.

דאס אלעס נעמט אבער נישט אוועק דעם פאקט אז איר בוך גיט אן אקוראטן בילד פון דעם חסידישן לעבן, און איז דעריבער רעקאמענדירט פאר די וועלכע ווילן כאפן אן אינטימען בליק אריין אין דער פארמאכטער געזעלשאפט פון חרדיזם.

*

נישט לאנג נאך פעלדמאנ'ס בוך איז ארויס, איז א פרישע געוועזענע חסיד'ישע פרוי ארויפגעקומען אויף דער נאציאנאלער ארענע מיט א ברייטפובליציזירטן אויפטריט אויף דעם "דר. פיל" טעלעוויזיע פראגראם. אויף דעם פראגראם איז ארויפגעקומען פערל פערי רייך, א געוועזענע חסיד'ישע פרוי און א מאמע פון פיר קינדער, צוזאמען מיט איר חבר שאולי גראסמאן, אויך א געוועזענער חסיד.

רייך, וועלכע ארבעט אויף צו ווערן אן אנערקענטע מאדעלקע, האט זיך באקלאגט אויף דעם חסידישן סיסטעם לויט וועלכן מען האט חתונה גאר יונג, נאך פאר דער מח איז ריכטיג אנטוויקלט און אומאפהענגיק. ווען מען כאפט זיך אז מ'האט זיך אריינגעלייגט אין א תפיסה, האט מען שוין צו דער האנט איין קינד אדער עטליכע, און עס איז כמעט נישטא קיין וועג ארויס ווייל די קינדער ווערן די משכונות מיט וועלכע מען סטראשעט.

רייך האט דערציילט איר פערזענליכע געשיכטע, באשולדיגנדיג איר מאן אין איר נישט ווילן געבן א גט אפילו זי פירט זיך ארטאדאקסיש. דר. פיל האט נאכגעזאגט די סיבות פארוואס דער מאן וויל איר נישט געבן קיין גט, צווישן זיי דאס אז רייך גייט הויזן און אז זי קישט זיך מיט גראסמאן פארנט פון די קינדער. רייך האט גע'טענה'ט אז די צוויי זאכן זענען נישט קעגן ארטאדאקסיע, און הרב שמואלי בוטח, וועלכער איז אנגאזשירט געווארן איבערצוגעבן דעם ארטאדאקסישן פערספעקטיוו, האט קענטיג איינגעשטימט מיט איר.

גראסמאן האט אויך קורצליך איבערגעגעבן זיין געשיכטע. ער האט דערציילט אז ער איז א חתן געווארן ביי די זיבעצן יאר אלט, האט געהאט איין קינד, און האט לעצטנס, נאך עטליכע יאר, פארלאזט זיין ווייב.

בוטח'ס אראטארישער קראפט איז אים צונוצגעקומען ביים בויען אן אילוזיע איבער וואס ארטאדאקסיע איז. איך מיין אז נאר א מענטש וואס ווייסט נישט קיין סך איבער ארטאדאקסיע האט געקענט נתפעל ווערן פון זיינע פון-פינגער-אויסגעזויגענע פרטים איבער ארטאדאקסישער טאלעראנץ. פון דער אנדערער זייט, כאטש גראסמאן האט געמאכט א רושם פון אן אינטעליגענטער יונגערמאן, האט רייך – מיט איר צעהיצטער אויפפירונג – געגעבן דעם איינדרוק פון א גערעגטע אידישע טאכטער אנגעצויגן מיט די ערב-פסח הכנות. ❖



בארואיג דיך, מאמעלע: פערל פערי רייך אויף "דר. פיל"

מחשבה / פאר'ס געזעץ:
פון: הערי ליפשיץ

## י"ג עקרים

עקרי האמונה לשלומי אמוני ישראל.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בַּבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ וּבְהַשְׁגָּחָתוֹ הַפְּרָטִית בְּלִי שׁוּם חֲקִירוֹת וְהִתְחַכְּמוּת רַק בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וּתְמִימָה.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁמֵּאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת וְאֵין שׁוּם רַע בָּעוֹלָם, וְהַכֹּל לְטוֹבָה, וְכָל פֻּרְעָנֻיּוֹת שֶׁעֵינֵינוּ רוֹאוֹת אַף בִּקְצֵה הָעוֹלָם רַק בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל הֵן.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָשָׂה נִסִּים בַּיָּמִים הָהֵם וְעוֹשֶׂה נִסִּים גַּם בִּזְמַן הַזֶּה, וְשֶׁיֵּשׁ צְדָקוֹת וּתְפִלּוֹת הַמְּסֻגָּלוֹת לִישׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְתָא וּבָרָא עָלְמָא, וְשֶׁכָּל הַטֶּבַע מְשֻׁעְבָּד אֶל הַתּוֹרָה, וְשֶׁאֵין שׁוּם מוּסָר מִבַּלְעֲדֵי הַתּוֹרָה.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁאֵין חָכְמָה כְּחָכְמַת הַתּוֹרָה, וְשֶׁתּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה הִיא מְקוֹר חַיֵּינוּ, וְשֶׁתַּכְלִית הַבְּרִיאָה הִיא לֵישֵׁב בְּאָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה וּמִן הַשָּׁמַיִם יְרַחֲמוּהוּ.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁמָּסוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה הִיא הָאֲמִתִּית, וְאֵין לָנוּ לָזוּז מִמֶּנָּה, וְשֶׁעַם יִשְׂרָאֵל לֹא הִשְׁתַּנָּה מֵאָז מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, וְאָנוּ מַמְשִׁיכִים בְּדֶרֶךְ זוֹ בְּלִי שׁוּם הוֹסָפָה אוֹ גֵּרָעוֹן.

### י"ג עקרים

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל מַה שֶּׁקִּבְּלוּ יִשְׂרָאֵל אַף בְּלִי טַעַם וַהֲבָנָה אֵין לְהַטִּיל סָפֵק בָּהֶם, וְאֵין לִדְחוֹת הַקַּבָּלָה שֶׁיֵּשׁ בְּיַד נָשִׁים הַזְּקֵנוֹת מֵעַמֵּנוּ אֲפִלּוּ מִפְּנֵי שִׁשִּׁים רִבּוֹא מוֹפְתִים הַמַּרְאִים סוֹתְרוֹ.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל מַה שֶּׁכָּתְבוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בֵּין בְּעִנְיְנֵי אֱמוּנָה וּבֵין בִּמְצִיאוּת הָעוֹלָם כֻּלָּם אֲמִתִּיִּים הֵם כִּפְשׁוּטָם, וְשֶׁהֵם יָדְעוּ אֶת כָּל סוֹדוֹת הַטֶּבַע שֶׁהָיוּ יְדוּעִים אָז וְגַם מָה שֶׁעָתִיד לְהִתְחַדֵּשׁ עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בְּדַעַת הַתּוֹרָה וַחֲכָמֶיהָ שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר, וְאַף עַל פִּי שֶׁדּוֹרוֹת הַקּוֹדְמִים הָיוּ כְּמַלְאָכִים וְאָנוּ כַּחֲמוֹרִים, עִם כָּל זֶה הֲלֹא כְּתִיב וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בְּחָכְמַת הַקַּבָּלָה וּבְסֵפֶר הַזֹּהַר שֶׁנִּתְחַבֵּר עַל יְדֵי רַבֵּנוּ שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, וְשֶׁכָּל סִפְרֵי הַצַּדִּיקִים נִכְתְּבוּ בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ וּטְמוּנִים בָּהֶם סוֹדוֹת וּרְמָזִים, וְלֹא יַכְחִישׁ זֶה רַק אַפִּיקוֹרוֹס.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל חוּמְרָא גֶּדֶר וּסְיָג עוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ וְכָל הַמּוֹסִיף מוֹסִיפִים לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בִּסְגוּלַּת עַם יִשְׂרָאֵל, וְנַעֲלֹתֵינוּ מֵעַל כָּל הַגּוֹיִם, וְשֶׁיֵּשׁ לְהִתְרַחֵק מֵהֶם וְלֹא לְרַחֵם עֲלֵיהֶם, וְכָל מָה שֶׁתִּקְּנוּ לֹא תִקְּנוּ אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן, שֶׁהֲלָכָה הִיא בְּיָדוּעַ שֶׁעֵשָׂיו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב.

**אֲנִי** מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁמִּסְפָּר הַשָּׁנִים שֶׁאָנוּ מוֹנִים הוּא מִסְפָּר הַשָּׁנִים שֶׁעָבַר מִזְּמַן בְּרִיאַת הָעוֹלָם, וְשֶׁכָּל הַיְקוּם יַחֲזוֹר לְתֹהוּ וָבֹהוּ בְּסוֹף שִׁית אַלְפֵי שְׁנִין.

מחשבה / פסח'דיגע געדאנקען:

פון: ראובן לוריא

# זמן חירותינו און דעמאקראטיע

מיר שטייען אין די טעג, בעפאר יו״ט פסח וועלכער ווערט באצייכנט אלס "זמן חירותינו". פאר טויזנטער יארן צוריק זענען מיר געווען פארשקלאפט אונטער די עגיפטער, און זמן חירותינו, די צייט פון אונזער פרייהייט, צייכנט אפ די צייט פון יאר ווען מיר זענען באפרייט געווארן פון דער פארקנעכטשאפט; באותות ובמופתים זענען מיר ארויס מאפילה לאורה ומעבדות לחירות.

חז״ל לערנען אונז אז עס איז דא א חיוב "לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים" (פסחים קטז, ב). פאר אונזערע מאדערנע מוחות איז כמעט אוממעגליך זיך צו פארשטעלן און דמיונ'ען וויאזוי יציאת מצרים האט אויסגעזען, אן זיך פארפלאנטערן אין אנאכראניסטישע און א-היסטארישע מחשבות. מיר ווייסן קוים וויאזוי דאס לעבנשטייגער פון די עגיפטער און זייערע קנעכט האט אויסגעקוקט, און אפילו דאס ביסל וואס די מאדערנע וויסנשאפט האט אנטפלעקט פאר דער מענטשהייט, ווערט אויך פארהוילן פון חרדי'שע אידן וועמען מען האט אויסגעלערנט און אריינגעבאקן נאך פון קינדווייז אן אז א גוי'איש ביכל, נישט קיין חילוק אויף וועלכער טעמע, איז בבל יראה ובבל ימצא. און אז מען פאלט חלילה דורך, און מען ליינט, איז מען שוין ליידער בבחינת לא ישובון. איז פון וואנעט זאל מען האבן א מושג איבער יציאת מצרים און וואס דאס באדייט?

אבער דאס ביסעלע וואס אונזערע מוחות קענען יא באגרייפן איבער דעם ווייטן עבר, איז עפעס וואס א יעדער וואס פארמאגט דער מענטשליכער טראכטן-באשטאנדטייל קען פארשטיין – דאס איז דער גרונט-באגריף פון פרייהייט. עס פארשטייט יעדער אשר בשם אדם יכונה אז יעדער מענטש האט די רעכט צו לעבן, די רעכט צו פרייהייט, און די רעכט צו לעבן פרייערהייט אויף דעם אופן וויאזוי איטליכער מענטש קלויבט אויס צו לעבן.

אבער אפילו דעם גרונט-באגריף פון פרייהייט איז פאר'ן טיפישן חרדי'שן איד א ווייטן חלום. מיר פייערן טאקע אין פסח אונזער פרייהייט, אבער מיר לעבן אין א וועלט פון פארשקלאפונג. מיר פייערן עפעס וואס מען האט פון אונז אוועקגעריסן, מיר פייערן א פרייהייט וואס מיר פארמאגן נישט.

כלפי מה דברים אמורים? די חרדי'שע קולטור, אויף דעם אופן וויאזוי זי האט זיך אנטוויקלט די לעצטע פאר הונדערט יאר, און נאך מער אין די לעצטע צענדליגער יארן, האט געשאפן א מצב ווי אנשטאט לעבן אין פרייהייט, אין א וועלט ווי יעדער האט די רעכט צו בוחר זיין בטוב אדער ברע לויט זיין באשלוס, לעבן מיר אין א וועלט ווי דאס גאנצער לעבן בכל פרטיה ודקדוקיה – פונעם קאליר העמד ביז'ן מספר קינדער, פון וועלכן מאגאזין צו קויפן ביז אין וועלכן בית-החיים באגראבן צו ווערן – ווערט דיקטירט דורך די הערשער, די פירער פון דער געמיינדע. אז מען וויל אויספירן א שידוך, גייט עס נישט אן רשות פון רבי'ן. דער דאקטאר זאגט מען דארף אפערירן, א טעלעפאן רוף צום רבי'ן.

מען האט אונז בארויבעוועט פון אונזער טייערסטן ארטיקל – אונזער פרייהייט. די תורה הקדושה לערנט אונז אז א מענטש האט א בחירה, גאט זאגט "ראה אנכי נתן לפניכם היום ברכה וקללה" (דברים יא, כו). אבער דא עקא, אז א בחירה איז נישט שייך צו האבן נאר אויב מען קען בוחר זיין ברע. אויב מען נעמט אוועק פון א מענטשן זיין מעגליכקייט צו אויסוועלן רע, הייסט דאס נישט קיין בחירה. דאס איז לגבי רעליגעזע ענינים, וואס אפילו דארט טוט אונז די תורה נישט מער ווי רעקאמענדירן "ובחרת בחיים". ווער רעדט נאך פון סתם ענינים וועלכע זענען נוגע א מענטשנ'ס טאג-טעגליכן לעבנסשטייגער אן קיין שייכות צו רעליגיע – אין אזעלכע ענינים גיט אונז די תורה נישטאמאל א רעקאמענדאציע. פארשטייט זיך אז די וואס פרובירן צו דיקטירן דעם לעבן פרובירן אויף אלעם אנצושטעלן א תורה'דיגן פנים ווי כאילו די פראגע פאר וועלכן קאנדידאט צו וועלן איז א רעליגיעזע, אדער אז די תורה האט עפעס צו זאגן איבער דער פראגע וועלכע צייטונג צו לייענען. און ווען מען קען עס נישט אריינשטיפן אין הלכה'דיגע ראמען, פארוואנדלט מען עס אין א "השקפה'דיגער" שאלה, אדער אן ענין פון מסורה. דער עיקר אז מיר זאלן אונזער אייגענעם שכל נישט ניצן צו מאכן החלטות.

דאס איז פרייהייט פון א יחיד'ישן שטאנדפונקט. פרייהייט פארמאגט אבער אויך א ציבור'ישן אספעקט. ווען עס קומט צו פאליטישע ענינים, אנגעלעגנהייטן וועלכע אפעקטירן דעם כלל, דארף א יחיד'ס רעכטן אויך ווערן אפגעהיטן. זינט די ציוויליזירטע וועלט שטייט, מוטשעט מען זיך מיט יחידי'שע רעכטן אין א באפעלקערונג. די אנגענומענע סיסטעם היינט איז דעמאקראטיע. דעמאקראטיע איז די ווירדע פון יחיד'ישער פרייהייט אינעם המון-עם, עס פארזיכערט אז יעדנ'ס מיינונג זאל געהערט ווערן. שוין פאר צוויי טויזנט פינף הונדערט און אכצן יאר צוריק האב די חכמי אתונה איינגעזען די וויכטיגקייט פון דעמאקראטיע און דאס געבן רעכטן פאר איטליכן יחיד. דאס מיינט נישט אז דעמאקראטיע איז פלאנטער-לאז. ווי ווינסטאן טשוירטשיל האט אזוי עלאקוואנט געזאגט: "דער ערגסטער פארם פון הערשאפט איז דעמאקראטיע; ער איז אבער בעסער ווי אלע פארמען וואס מען האט אויספרובירט ביז היינט."

אבער מיר אידן האבן אלץ פארמאגט א טעאקראטיע, א גאט-געפירטע הערשאפט. גאט זאגט ווער ס'איז קעניג, גאט זאגט צי מען גייט אין מלחמה. א טעאקראטיע דארף לכאורה צו זיין דער בעסטער פאליטישער סיסטעם. אבער דאס אלעס איז נאר ווען די טעאקראטיע איז אן אמת'ע טעאקראטיע, דאס מיינט אז גאט האט אויף אן אמת געשטעלט דעם קעניג. ווי איז אבער ווען דער "גאט" איז גאר אן אפגאט, אדער ווען גאט האט בכלל נישט געשטעלט דעם קעניג, דאן ווערט די טעאקראטיע אויטאמאטיש פארוואנדלט אין א מאנארכיע. נישט אז א מאנארכיע איז א שלעכטער וועג פון פירן א לאנד, אבער א מאנארכיע האט מער אויסזיכטן צו פארוואנדלט ווערן אין אן אויטאקראטיע ווי אין א דעמאקראטיע.

און אט דאס איז וואס האט פאסירט מיט דער היינטיגער חרדי'שער פירערשאפט. אנשטאט עס זאל זיין א דעמאקראטישער סיסטעם פון ערוויילן אונזערע מנהיגים, זענען מיר פארשקלאפט אין א ביטערן ציקל ווי עס איז בנים יורשים את אביהם; יעדער רב אדער רבי וואס גייט פון דער וועלט, שפראצן נאך אים נייע רבנים ווי שוועמלעך נאך א רעגן.

ווען איך האב אמאל זיך אפגערעדט פאר א באקאנטן, האט ער געעפנט אויף מיר צוויי גרויסע אויגן: "השתגעת?" פרעגט ער מיר. "זינט ווען איז דעמאקראטיע א אידישע ווירדע? זינט ווען רעכנט זיך די תורה מיט דעת הקהל?" א הארבע קשיא. בשעתו האט די קשיא מיך דערשטוינט, און איך בין געבליבן מיט דער צונג אינדרויסן. אבער נער הייתי גם זקנתי און איך בין צוגעקומען צו א מסקנא, אז

נישט נאר איז די תורה געבויעט אויף די פעסטע יסודות פון דעמאקראטיע, נאר זי איז גאר געווען פון די ערשטע אריינצולייגן אין באנוץ א דעמאקראטישן מהלך אין איר פאליטישן סיסטעם. אודאי געוויס איז עס נישט געווען אויפ'ן שטייגער וויאזוי דער מאדערנער דעמאקראטישער סיסטעם פירט זיך, אבער אין פארגלייך צו רוב סיסטעמען אין די אור-אלטע צייטן, איז אידישקייט געווען היבש פאראויס מיט איר דעמאקראטיש-גענויגטן סיסטעם.

אין די ראמען פון אן ארטיקל קען מען די זאך נישט אזוי ברייט אויסשמועסן ווי ס'וואלט זיך ווען אויסגעפעלט, אבער פטור בלי כלום אי אפשר, דערפאר וועל איך פרובירן דאס איבערצוגעבן אויפ'ן שפּיץ גאפל. קודם לאמיר זען וואס איז דאס דעמאקראטיע, הלכה למעשה. דאס הייסט, אין טעאריע זאגט זיך עס פיין, אבער וויאזוי נעמט מען די טעאריע פון דעמאקראטיע איר אריינצולייגן אין פאקטישן באנוץ. כדי דאס צו פארשטיין, מוזן מיר קוקן אויפן פאליטישן מאָדעל. פאליטישע דעמאקראטיע פארמאגט צוויי הויפט באשטאנדטיילן. איינס, די ערוועלטע פארשטייער פון דעם ציבור וועלכע פארמאגן דעם כוח פונעם עלקטאראט. דאס הייסט אז ידם כיד די ווילער וועלכע האבן זיי דערוועלט, ופיהם כפי די ווילער. (מיר ווילן נישט דא אריין גיין אין דער ברייט-פארצווייגטער מאראלישער, עטישער און פילאזאפישער דיסקוסיע, צי דער ערוועלטער האט רעכט צו טון ווי זיין אייגענע הבנה, אדער ער דארף טון דוקא דאס וואס די וואס האבן אים ערוועלט פארלאנגען. דאס איז א טיפערע שמועס וואס אנבאלאנגט דעם מהות פון דעמאקראטיע, און פארלאנגט א באזונדערע אפהאנדלונג.) די צווייטע באשטאנדטייל פון דעמאקראטיע איז אז די מאיאריטעט האט די לעצטע ווארט.

ווען מיר קוקן אין דער תורה וויאזוי א הלכה'דיגע שאלה דארף ווערן גע'פסק'נט, געפינען מיר דעם באקאנטן מושג פון אחרי רבים להטות (שמות כג, ב). אודאי באציט זיך נישט דער "רבים" צום ציבור, נאר צום סנהדרין אדער צום בית דין. אבער לגבי דעם סנהדרין און דעם בית דין ווערט גע'פסקנ'ט אין רמ"א (חושן משפט סימן ג סעיף ד) אז דיינים ושופטים מוזן געשטעלט ווערן כפי רצון הציבור. דער פתחי תשובה (שם, אות ח) ברענגט אויך אראפ אז רבינו יעקב תם, רבינו שמואל בן מאיר, רבינו אליעזר בן נתן און נאך הונדערט און פופציג (!) רבנים האבן געשריבן א חרם אויף א דיין, רב, שופט וכדומה וועלכער פסק'נט אָן זיין מרוצה על הציבור. אזוי אויך ברענגט ער פייערדיגע תשובות אין חתם סופר (חושן משפט, פון סימן יט ביז סימן כב) טאקע אויף דעם זעלבן ענין.

און דאס איז נישט נאר ווען עס קומט אויף א הלכה'דיגער שאלה. דאס זעלבע, און אפשר נאך מער, איז נוגע אין סתם קהל'ישע אנגעלעגנהייטן. אזויווי די גמרא זאגט אין ברכות (נה, א), "אמר רבי יצחק אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכים בצבור." רבינו אשר בן ר' יחיאל, שרייבט גאר שארף (שו"ת הרא"ש כלל ו סימן ה):

> וששאלת, אם שנים או שלשה מהבינונים שבעיר יכולין להוציא עצמן מן ההסכמה שיעשו הקהל, או מגזרת חרם שיעשו על שום דבר. דע, כי על עסק של רבים אמרה תורה: אחרי רבים להטות. ועל כל ענין שהקהל מסכימים, הולכים אחר הרוב, והיחידים צריכים לקיים כל מה שיסכימו עליהם הרבים. דאם לא כן, לעולם לא יסכימו הקהל על שום דבר, אם יהיה כח ביחידים לבטל הסכמתם; לכן אמרה תורה, בכל דבר הסכמה של רבים: אחרי רבים להטות.

דער רא"ש האט אין די ווערטער פון דער תורה "אחרי רבים להטות" געהערט דעמאקראטיע — "על כל ענין שהקהל מסכימים, הולכים אחר הרוב." דער קהל איז דער וואס איז מחליט, און דער מאיאריטעט האט דאס לעצטע ווארט. דעם זעלבן געדאנק הערן מיר אויך אין די ווערטער פון הגראי"ה קוק (שו"ת משפט כהן סי' קמד) וואו ער שרייבט אז "בזמן שאין מלך, כיון שמשפטי המלוכה הם גם כן מה שנוגע למצב הכללי של האומה, חוזרים אלה הזכיות של המשפטים ליד האומה בכללה." א מלך ווערט געשטעלט דורך א נביא. ווי אויבן דערמאנט, א טעאקראטיע איז דער בעסטער פארם פון א פאליטישן סיסטעם. אבער ווען עס פעלט דער נביא, זענען די רעכטן אין די הענט פונעם פאלק צו מחליט זיין כטוב בעיניהם — דעמאקראטיע כפשוטו.

צום לעצט, וויל איך זיך מתייחס זיין צו דעם תירוץ וואס מאנכע נוצן צו פארענטפערן דעם חסרון פון דעמאקראטיע אין ציבור'ישער הנהגה ביי חרדים. דער תירוץ איז אז "כלל ישראל האט א גוטען שמעק." דהיינו, די מנהיגי האומה, וועלכע האבן נאר די ווערטער "בנן של קדושים" אויף זייער רעזומעי, זענען בעצם יא ראוי לאותו איצטלא ווייל ווען נישט וואלט גאט נישט ערלויבט אז זייער מנהיגות זאל זיך איינגעגעבן ביי כלל ישראל. מיט דעם ווילן זיי פארמירן א פסעוודא-טעאקראטיע, כאילו די רבנים און מנהיגים ווערן אומדירעט באשטעטיגט דורך דער השגחה עליונה. אויב אבער איז די טענה אמת, דארפן מיר אלע מקבל מרות זיין פון דער רעפארם באוועגונג, מיט די זעלבע אויסרייד אז כלל ישראל פארמאגט א גוטן שמעק. עס איז אבער קלאר אז מען קען אזא זאך נישט זאגן, און פונקט ווי רעפארם איז פרעמד צו אידנטום, אפגעזען פון וויפיל אידן אבאנירן צו דער שיטה, איז די איצטיגע שיטה פון רבנים און מנהיגי ציבור פרעמד צו אידנטום, אפגעזען פון וויפיל אידן לויפן זיך קוויטלען ביי די רבנים. ❖

מחשבה / דער הכרח פון א מאסן-התגלות:

פון: חצי-עבד

# פארשטיין גאט דורך לאגיק

אין די לעצטע יארן איז אנטוויקלט געווארן א ריזיגער מארקעט פון "קירוב"-ביכער. חודש נאך חודש און וואך נאך וואך ווערן די פּאליצעס אין די ספרים-געשעפטן פריש פארפלייצט מיט קונטרסים, ביכעלעך און פול-קאלירטע הארטע-דעקל ביכער אויף "קירוב" טעמעס, אלע אויסן איבערצואווייזן דער אור-אלטער אמונה פון יש מנהיג לבירה, און אז דאס איז נישט עפּעס אנדערש ווי דער אידישער גאט ווי פארמולירט אין די לעצטע טויזנטער יארן דורך די חכמים עד דורתינו אלה.

אלע פון די ביכער האבן מער-ווייניגער דעם זעלבן מהלך, באזירט אויף דעם "חובת הלבבות", "הכוזרי" און שפּעטערדיגע מחשבה ספרים. געוועהנליך וועלן אבער אלע טרעפן געוויסע איינצלהייטן מיט וואס ארויסצושטיין מיט שטערקערע ווערטער פון די קאלעגען.

אין אלגעמיין פאנגען זיי אן מיט איבערווייזן אויף דעם עקזיסטענץ פון א כח-עליון וואס האט אלעס באשאפן מיט אומבאגרייפליכער חכמה און אינטעליגענץ, דורך פילפארביג שילדערן די מולטי-פארצווייגטע חכמה וואס ליגט אין יעדן ריר אויף דער וועלט; די חכמה וואס ליגט אין א בלויזן בלעטל אויף א בוים; דאס אינטעליגענץ וואס איז באהאלטן אין די מעכינאציעס פון דעם אויג; די וואונדערליכע שיינקייט וואס הערשט אויף דער

וועלט, פון פארשידנארטיגע מינעראלן, מעטאלן, אויגפארכאפנדע פאנאראמעס; דאס צוניפארבייט פון אלע חלקים פון א לעבעדיגן באשעפעניש; די אומגלויבליך-קאמפליצירטע אנאטאמיע פון די קערפערליכע ארגאנען. די ראיות גייען ווייטער און ווייטער מיט אן ענדלאזן קייט, און אלעס ברענגט צו דער הכרה אז יש מנהיג לבירה.

ווייטער קומען א צאל הוכחות אז ס'איז קלאר אז דער באשאפער פון דער וועלט האט א ציל צו וואס ער האט איר באשאפן, ער האט געוויס א סיבה פארוואס די וועלט – מיט אלע אירע באגרעניצונגען און פראבלעמען – האט געמוזט ארויסשפראצן פון דער אומענדליכער אייביגקייט.

איינמאל דער בוך האט שוין אוועקגעשטעלט די הנחה אז גאט עקזיסטירט, און אז ער האט געוויס א תכלית פארוואס ער האט באשאפן די וועלט, קומט דער נעקסטער שטאפל אויפצואווייזן אז דער נעמליכער תכלית איז גרינג געוואויר צו ווערן. "וואס מיינט איר, טייערע לייענער," פרעגן די "קירוב" ביכלעך, "צי קען בכלל עולה על הדעת זיין אז דער גרויסער אלמעכטיגער גאט וואס האט באשאפן דעם טיף-אומבאגרייפבארן יקום, וכל צבא השמים, מיט אן אונטערליגנדן תכלית וואס דער מענטש קען נישטאמאל באגרייפן, זאל דאס פארהוילן פון דער מענטשהייט? צי קען מען בכלל זאגן אז גאט האט אריינגעווארפן דעם מענטש אין דער מאדנער פארבלענדעטער וועלט אן איינמעלדן וואס עס דארף ווערן דא אויפגעטאן, וואספארא חיובים עס ליגן אויף דעם מענטשנס פלייצעס?"

אין די ווערטער פונעם בוך "שערי אמונה" (בני ברק, תשס"ו):

מאחר שהקב"ה ברא את השמים ואת הארץ, את האדם ושכלו ויכולת פעולתו, אין ספק שהוא רוצה משהו מן האדם, וזוהי תכלית בריאתו את האדם, ואת העולם אשר הושם בה. הרי לא יתכן כי כל זה נעשה סתם, ללא מטרה. אין ספק שה' גילה לאדם מה רצונו ממנו ומה חפצו שיעשה בעולם במשך ימי חייו. גם אם מישהו לא שמע כלל על מתן תורה, יכול היה להגיע בהגיונו למסקנה הכרחית שאי שם באיזה שהוא זמן ניתנה תורה עם הוראות לאדם מאת בוראו. לא יתכן אחרת. למסקנה זו חייב להגיע כל מי שמפעיל את שכלו הבלתי משוחד, ואת הגיונו החופשי באותה שעה משעבוד לתאוות.

נו, אייגנטליך ליגט דאך דא א געוואלדיגער יסוד: גאט האט זיך אן קיין צווייפל באוויזן פאר דער מענטשהייט און איינגעמאלדן בקול אדיר וחזק וואספארא עול עס ליגט אויף זייערע פלייצעס, און אקוראט וויאזוי זיי זאלן אים צופרידן שטעלן ולעבדו בלבב שלם.

אויב אזוי, גייט דער לאגיק ווייטער, לאמיר א בליק טאן אין דער פארצווייגטער וועלט-היסטאריע און לאמיר ארייינפאסן א געשעעניש פון א מאסן-התגלות. אוואו פאסט דאס אריין? הוי אומר: זמן מתן תורתינו הקדושה! מיט דעם קומען די קירוב-אקטיוויסטן צו צו זייער ציל – תורה מן השמים.

אלזא, לאמיר אביעקטיוו ארייינטראכטן און ריכטיג זיך פארטיפן אין דער ארגומענט. לויט מיין ארימען דעת לייידט דער יסוד – שוין נאכ'ן אננעמען אז דאס עקזיסטענץ פון גאט איז יא איבערגעוויזן און אז זיין הכרח'דיגער תכלית איז זיכער – פון כאטש פיר פעלערן:

1) דער פריערדערמאנטער איבערוווייז לייגט פאר אז על-פי לאגיק האט זיך גאט באדארפט אויפפירן אין א געוויסן אופן, ער האט געזאלט מפרסם זיין פאר יושבי תבל דאס וואס ער ערווארט פון זיי; דער תכלית אויף וועלכן ער האט די וועלט אהערגעשטעלט. שטעלט זיך די פראגע: מאן יימר אז גאט ארבייט מיט אונזער לאגיק? ווער האט אנפלעקט אז אונזער שכל ארבייט אין איינקלאנג מיט גאט'ס? אמת אז אונזער לאגיק דיקטירט אזוי, אבער צי דען מעגן מיר דן זיין גאט מיט אונזער לאגיק? ווען אונזער לאגיק דיקטירט אז א כל-יכול וואלט נישט באשאפן א וועלט מיט שלעכטס דאן זענען מיר פסול צו טראכטן, מיר ווערן דאן – מיט רעכט – געזאגט אז אונזער לאגיק האט נישט קיין שייכות מיט גאט'ס, און מיר קענען נישט משיג זיין גאט'ס דרכים.

א גוטן משל וואס מ'נוצט אין אזא פאל איז צו פארגלייכן דעם מענטש צו א מאלפע אונטער'ן דאקטאר'ס מעסער, און גאט ווי דעם דאקטאר. פונקט ווי די מאלפע קען נישט משיג זיין אז דעם דאקטאר'ס לאגיק דיקטירט איר צו שניידן די אברים, אזוי קענען מיר נישט משיג זיין גאט'ס לאגיק. אויב אזוי איז דאך פשוט אז אונזער מהלך המחשבה קען נישט נוצן לאגיק אויסצורעכנען וואס גאט האט אנגעבליך געזאלט טאן.

2) נאך א פראבלעם גייענדיג מיט דער טעמע פון לאגיק: עס איז פאראן דער יסודות'דיגער פראבלעם באקאנט פון די פילאזאפן רענעי דעקארט און הילארי פוטנאם איבער דעם מענטשליכן עקזיסטענץ. צי עקזיסטירן מיר טאקע אויף דעם וועג וויאזוי מיר שפירן, אדער זענען מיר גאר עלעקטראנישע גייסטער וועלכע ווילן ערגעץ וואו אין א קאמפיוטער, קאנטראלירט דורך א שלעכטן שד, וועלכער גיט אונז די סטימולאציעס אונז צו מאכן שפירן די געפילן פון עקזיסטענץ. אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן זעט אזא מעגליכקייט אויס ווי א גוזמא, אבער פאקטיש האט נאך קיינער נישט באוויזן איבערצואווייזן אז מיר זענען נישט עפעס אנדערש ווי א "מח אין א פאס".

אמת, אז אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן פירן מיר זיך נישט אין איינקלאנג מיט אט דער מעגליכקייט, אבער די נקודה איז אז אונזער לאגיק איז אזוי פעלערהאפטיג אז זי קען ניטאמאל איבערווייזן אונזער אייגענער עקזיסטענץ, טא, ווי קענען מיר נוצן אזא פעלערהאפטיגן סיסטעם אויף אויסצורעכנען וואס גאט וויל?

3) אפילו מיר זאלן יא אננעמען אז אונזער לאגישער הכרח איז אמת, בלייבט אבער נאך אלס שווער: פון וואנעט איז זיכער אז דער ציל פון גאט איז די אויסגערעכנטע טאטן פון דער מענטשהייט. אפשר איז דער ציל גאר עפעס אנדערש וואס מיר קענען בכלל נישט משיג זיין? וואס איז שלעכט מיט דער טעאריע אז מיר זענען א בלויזער חלק פון א קאמערציעלן טעסט וויאזוי קארבאן-באזירטע באשעפענישן רעאגירן צום טעם פון איבערגעצויגענעם בייליק?

4) אפילו אויב מיר ווילן אננעמען אז גאט'ס ציל איז דווקא אזא וואס ווענדט זיך אין די אויסגערעכנטע טאטן פון דער מענטשהייט, פון וואנעט זאל זיך נעמען די זיכערקייט אז גאט'ס ציל דארף זיין באקאנט פאר יעדן? ווער האט מגלה געווען אז דאס מוז זיין דווקא געשריבן אויף פארמעט און ווערן געגעבן מיט א רואים-את-הקולות-נאווינע? אולי קען זיך געטראכט ווערן אז דער אוניווערסאלער מאראל וואס איז איינגעקריצט ביי יעדן אין הארץ אט ער איז די אזוי אויסגעגארטע תורה? און גאט'ס ציל איז אט דאס, אז דער מאראל זאל זיין אונזער וועג-ווייזער, און דער דרך אשר נלך בה. (מיט "מאראל" מיין איך דאס וואס איז אוניווערסאל-אנגענומען אלס בינדנד. דאס איז כולל אלעס וואס גייט אריין אין דעם גדר פון "מה דלך סני לחברך לא תעביד".)

5) די אויבנדערמאנטע טענה וואס איז אנגעבליך "מכריח" אז גאט האט אמאל קלאר ארויסגעזאגט וואס ער וויל, שטעלט פאר אז דורך דער גילוי וואס גאט האט זיך באוויזן צו דעם אידישן פאלק איז קלאר געווארן דעם רצון ה'. דארפן מיר אין באטראכט נעמען, גאנץ רעכט אויב נאכ'ן אננעמען אין דעם אמת פון דעם מעמד מתן תורה זענען מיר טאקע קלאר אין דעם רצון ה' איז די טענה א ריכטיגע, אויב אבער אפילו נאכ'ן אננעמען אז דער סיפור פון קבלת התורה איז אן אמת'ער העלפט דאס נישט צוצוקומען צום תכלית המבוקש

פאלט אוועק די טענה ווי א זייפן-בלאז. עס איז קלאר אז ריזיגע פּראצענטן פון דער מענטשהייט גלייבן אין דער גילוי פון מעמד הר סיני, אבער וואס דאס מיינט, און וואס דאס איז אונז מחייב איז בכלל נישט אזוי קלאר פאר יעדן. דער מציאות פון מעמד הר סיני מאכט נישט קלאר אז די תלמוד'יסטן שטעלן מיט זיך פאר א שטערקערן אמת ווי די קראים; אדער אז די היינטיגע ארטאדאקסן רעפרעזענטירן בעסער און אמת'ער דעם רצון פון גאט ווי די העטעראדאקסן; אדער די אולטרא-ארטאדאקסן בעסער ווי די מאדערן-ארטאדאקסן. איינמאל דאס איז קלאר, העלפט גאנץ ווייניג צו דער מציאות פון מעמד הר סיני. אזוי צי אזוי דארף סייווי איבערגעוויזן ווערן דעם סופעריאריטעט פון דער תורה-שבעל-פה-רעליגיע איבער די אנדערע ביבלישע רעליגיעס, אן קיין געטליכע גילויים. וויבאלד אפילו נאכ'ן זיין איבערצייגט אז עס איז אמאל פארגעקומען מעמד הר סיני וויסן מיר נאך אלס נישט וואס גאט וויל פון אונז, פאלט אוועק דער הכרח פארוואס מיר האבן געמוזט זאגן אז עס איז בכלל געווען אן אנטפלעקונג.

משל למה הדבר דומה, א מענטש זאגט אז די טראגעדיע פון 9/11 איז געשאפן געווארן דורך דער רעגירונג. פארוואס מוז זיין אזוי? ווייל עס איז נישט מעגליך אז די פרימיטיווע טעראריסטן זאלן קענען אנגאזשירן אזא סאפיסטיקירטער פלאן. איצט אויב שטעלט זיך שפעטער ארויס אז די רעגירונג האט פונקט אזוי נישט געקענט צונויפשטעלן דעם פלאן ווייל עס איז געווען צו ברייט און גרויסארטיג אז זי זאל דאס קענען באהאלטן פון נידריג-ראנגיקע איינגעשטעלטע, דאן פאלט אוועק די פריערדיגע הכרח אז עס מוז זיין אז די רעגירונג האט דאס געטאן, ווייל מ'טוט גארנישט אויף גייענדיג פון איין אוממעגליכקייט צו דער צווייטער.

דאס זעלבע אין אונזער פאל אויב מוז זיין אז עס איז געווען א מתן תורה ווייל עס "מוז" זיין אז גאט וויל אז מיר זאלן וויסן וויאזוי אים צו דינען, וואס טוט מיר אויף אויב זאג איך אז מתן תורה האט פאסירט ווי טראדיציע זאגט – איך בלייב סיי-ווי איבער מיט גענוג ספיקות וויאזוי גאט וויל מ'זאל אים דינען, האט דאך מתן תורה גארנישט אויפגעטאן, און אויב נעמט מען אן מיט א זיכערהייט אז גאט האט זיך אן קיין צווייפל באוויזן פאר דער מענטשהייט און איינגעמאלדן וואספארא עול עס ליגט אויף זייערע פלייצעס, און אקוראט וויאזוי זיי זאלן אים צופרידן שטעלן, איז צוריק שווער די פראגע: ווען האט דאס פאסירט? מתן תורה איז נישט גענוג אונז קלאר צו מאכן וויאזוי מיר דארפן זיך פירן.

מסקנא: איך דרוק דא בכלל נישט אויס קיין מיינונג איבער דעם אמת פון אזא התגלות, נאר איבער דעם האַפט פון דער לאגישער איבערוויז. און די מסקנא איז אז די לאגישע איבערוויז אז גאט האט אין א געוויסן פונקט אין דער היסטאריע זיך געמוזט באוויזן פאר זיינע ברואים איז באזיסלאז. ❖

**רעאקציע / ראציאנאליזם:**

**פון: ראובן לוריא**

# "אויטאנאמיע פון רעליגיע"

חצי-עבד'ס מאמר איבער דער אויטאנאמיע פון רעליגיע ("שבת בלעטל" נומער 8) האט מיך געמאכט טראכטן. עס איז טאקע זעלטן וואס מען הערט אזוינע טיפזיניגע געדאנקען פון א חסיד, אבער טאקע דערפאר האט עס מיר צעטראגן. בשלמא דער איד וואס זאגט שלום עלי נפשי, בשרירות לבי אלך, ער וויל נישט געבן קיין מינוטקעלע מחשבה צי ער שפאנט אויפן ריכטיגן שטראז במהלך חייו, אויף אזא איד קען איך קיין טענות נישט האבן אז ער צעפייערט זיך אויף מיר מיט ברויזענדע קולות ווען איך וואג זיך ארויפברענגען אפילו נאר א רמז וועגן די אוממאראלישקייט פון מצות מחיית עמלק, אבער אז אזא טיפער דענקער ווי חצי-עבד קומט אויף מיט אזעלכע נישט-אויסגעהאלטענע ראציאנאליזאציעס פון מצוות, ברויך דאס א תשובה.

חצי-עבד האט אין זיין חשבון געמאכט צוויי פאטאלע טעותים. דער ערשטער טעות איז א פשוט'ער פאראדאקס אין זיינע ווערטער. חצי עבד דערקלערט מיט פאטאס: "די אויטאנאמיע וואו די איבערצייגונגען פון א מענטש קענען הערשן, אפילו אויב די איבערצייגונגען זענען ביי דעם מענטש הונדערט פראצענט לאגיש איבערגעוויזן און דערלאזן ניטאמאל א מקום ספק, איז נאר ביי אלעם וואס איז נוגע דעם מענטש זעלבסט – אויב איז עס נוגע א צווייטן, דארף מען פארגעסן פון אלעם וואס מען גלייבט און וואס מען איז איבערצייגט, און מען דארף זיך רעכענען מיט יענעמ'ס אמונה, ווייל יענעמ'ס איבערצייגונגען שאפן אן אייגענע אויטאנאמיע וואו קיינער טאר נישט אריינרעדן." צוליב חצי-עבד'ס שטארקע איבערצייגונג אין דער פערזענליכער אויטאנאמיע ווי א מענטשנ'ס הונדערט-פראצענטיגע איבערצייגונג הערשט, דערוואגט זיך חצי-עבד צו דערקלערן אז א תנאי אין געטליכער באפעלן איז אז דער באפעל זאל זיך האלטן אין די פריוואטע אויטאנאמיע פון די אנהענגער פון דער רעליגיע. אויב דער באפעל איז א "ברייט-אויטאנאמישער", ווי חצי-עבד רופט עס, קען עס אויטאמאטיש נישט אנגענומען ווערן ווי א געטליכער. אבער עטליכע שורות שפעטער דערקלערט חצי-עבד אז אנדערש וועט זיין ווען גאט אליין וועט זיך באוויזן און באפעלן א ברייט-אויטאנאמישער באפעל. אין אזא פאל וועלן מיר מוזן פאלגן דעם געטליכן ברייט-אויטאנאמישער באפעל.

אויב איז חצי-עבד מסכים אז אין פאל פון א געטליכער אנטפלעקונג פאלט אוועק די תנאי פון פריוואטער אויטאנאמיע אין די מצוות, וועט ער בעל-כרחו מוזן מודה זיין אז אויך אין פאל פון זעלבסט-אנערקענונג אין סיי וואס פאר אן "אמת" וועט גילטיג זיין דער כלל אז מען קען ארויסגיין פון דער אייגענער אויטאנאמיע צו איינהאלטן דעם "אמת". פארוואס זאלן מיר דען מחלק זיין צווישן א געטליכער אנטפלעקונג און לאגישער איבערצייגונג?

דער איינציגסטער אופן וויאזוי חצי-עבד קען מחלק זיין צווישן דאס וואס דער לאגיק ווייזט און וואס מען זעט מיט די אויגן איז אויב חצי-עבד וועט זיך רעכענען אלס אן אנטי-ראציאנאליסט, און ווי אלע אנטי-ראציאנאליסטן דורכאויס די דורות האבן גע'טענה'ט, האלט אויך חצי-עבד אז עפעס וואס מען זעט מיט די אייגענע אויגן איז שטערקער ווי סיי וועלכער לאגישער חשבון. א שטייגער וואס דער חינוך שרייבט אין הקדמה צו זיין ספר אז די קבלה וואס מיר האבן איבער מתן-תורה, וואס דאס איז כאילו ווי געזען מיט די אייגענע אויגן, איז שטערקער ווי סיי וואס פארא לאגישן אדער פילאזאפישן חשבון. די איראניע איז נאר, אז חצי-עבד אליין וויל זיך אין אזא שטאנד נישט אריינרעכענען, והא ראיה, ער וויל נאר גיבן די ברייטע אויטאנאמיע פאר'ן דור המדבר גופא, צו וועלכן גאט האט זיך באוויזן, אבער די דורות נאכדעם וואס וועלן נאר הערן איבער גאט'ס אנטפלעקונג, זיי גיט חצי-עבד די זעלבע סטאטוס ווי איינער וועלכע האט א לאגישער איבערצייגונג!

דער צווייטער פאטאלער טעות פון חצי-עבד איז זיין דעפעניציע פון אויטאנאמיע. אין זיין ביישפיל מיט די בייגעלעך און אומגעוואשענע הענט נאכ'ן אויפשטיין פון שלאף אינדערפרי, טענה'ט חצי-עבד אז דאס רירן יענעמ'ס בייגעלעך אן יענעמ'ס וויסן גייט ארויס פון א מענטשנ'ס פריוואטער אויטאנאמיע. אבער אם כן, איז דאך כמעט אלעס וואס מען וועט נאר באטראכטן ארויס פון דעם מענטשנ'ס פריוואטער אויטאנאמיע! לאמיר נעמען א גאר רעלאוואנטע דוגמא: טראגן מיט דעם עירוב אין א שטאט ווי עס איז פאראן א שטארקער קעגנשאפט דערצו. דער איינער הייבט אן טראגן אין דער שטאט בפרהסיא. איך בין זיכער אז חצי-עבד וועט מודה זיין אז דער באשלוס צו טראגן מיט אן עירוב געפינט זיך אין א מענטשנ'ס פריוואטער אויטאנאמיע. אבער, על-פי-הלכה וועט א מחלל שבת בפרהסיא מנסך זיין וויין, מען קען אים נישט מצרף זיין צו א מנין, ער איז פסול לעדות וכו'. און אז עס וועט זיין אז דער עירוב-טרעגער וועט ווילן זיך משתתף זיין אין א קידושא רבתי פון א חבר, דאווענען א מנחה מיט א מנין מצומצם, אדער זיין אן עד-קידושין ביי זיין שוואגער'ס שמחה, און ער ווייסט אז אין די אלע פעלער איז פאראן איינער וועלכער האלט אז ער איז א מחלל שבת, וועט ער נישט טארן דאס טון ווייל דאס גייט ארויס פון זיין פערזענליכער אויטאנאמיע! און אזוי קען מען ברענגען ביישפילן עד אין שיעור פון פעולות און אקטיוויטעטן וועלכע זענען לכאורה אינעם מענטשנ'ס פריוואטער אויטאנאמיע, אבער קריכן אומדירעקט אריין אין דער ברייטער אויטאנאמיע.

די פינקטליכע דעפעניציע און הגדרה פון א מענטשנ'ס פריוואטער אויטאנאמיע דארף דעריבער זיין אלעס וואס א מענטש טוט אין זיין לעבן, **חוץ אויב עס קריכט אריין אין א צווייטנ'ס פריוואטער אויטאנאמיע.** ער מעג טראגן מיטן עירוב און ער מעג דערנאך גיין צום חבר'ס קידוש און דאווענען מיטן מנין מצומצם. ווייל די אלע זאכן געפינען זיך אין דער "שותפות'דיגער אויטאנאמיע". אבער זיין אן עד קידושין טאר ער לכאורה נישט, ווייל דאס קריכט שוין אריין אין דער פריוואטער אויטאנאמיע פון די חתן-כלה. איך קען שוין הערן חצי-עבד פראטעסטירן אז מיין מעסטער איז א סוביעקטיווער, עס אז געוואנדען אין וואס א מענטש איז מחליט אז עס איז **יענעמ'ס** פריוואטע אויטאנאמיע, און איך וועל מוזן מודה זיין צו אים. עס איז לכאורה נישט דא קיין אביעקטיווע וועג וויאזוי צו אויסרעכענען וואס איז א מענטשנ'ס פריוואטע אויטאנאמיע. די איינציגסטע זאך וואס איך קען זאגן איז, "מאי דעלך סני לחברך לא תעביד." אויב ווען דו וואלסט ווען געווען אין יענעמ'ס שיך וואלסטו געהאלטן אז עס קריכט אריין אין יענעמ'ס פריוואטער אויטאנאמיע, דאן טו עס נישט. און כאטשיג דאס איז א שטארקער חסרון פון מיין דעפיניציע, איז עס אבער נאך אלס בעסער ווי חצי-עבד'ס.

* *

**חצי-עבד ענטפערט:**

איבער אייער ערשטער נקודה: איר ברענגט ארויס אז א ראציאנאליסט נעמט נישט אן אז וואס מ'זעט מיט די אייגענע אויגן איז מער ווי די אמת'ן צו וועלכע מ'קומט צו דורך לאגיק, און אויף דעם בויט איר אז לויט מיין מהלך, אז איך ערלויב ברייט-אויטאנאמישע חיובים אין פאל וואס גאט באווייזט זיך, דארף איך דאס אויך ערלויבן אין פאל וואס לאגיק דיקטירט א געוויסן אמת. איך בין מודה צו אייך אז זאכן וועלכע מ'זעט מיט די אייגענע אויגן האבן נישט מער קראפט ווי לאגיק – פשוט ווייל א מסקנא צו וועלכער מען קומט צו צוליב זען מיט די אייגענע אויגן איז אויך געבויט אויף לאגיק. לאגיק דיקטירט אז אויב מען זעט עפעס מיט די אויגן, און עס פאסט אריין צו אלעם וואס מען ווייסט איבער דער וועלט, איז דאס א באשטימטער פאקט.

איך וועל גיין א טריט ווייטער, און וועל אפילו צוגעבן אז צומאל איז לאגיק שטערקער ווי זען מיט די אייגענע אויגן. אז איך וואלט געזען גאט בכבודו ובעצמו, און ער וואלט מיך באפוילן עפעס צו טאן און וואלט איך געזאגט אז דער לאגיק וואס שרייט אז איך לייד ווארשיינליך אויף סקיצאפרעניע איז שטערקער ווי דאס וואס איך האב געזען מיט די אייגענע אויגן. איך מיין אז ביז אהער זענט איר מסכים מיט מיר.

אבער אפילו א ראציאנאלער ארטאדאקסיש-אידישער מאמין מוז גלייבן אז גאט האט זיך באוויזן פאר אידן מיט טויזנטער יארן צוריק. טראצדעם וואס דער ראציאנאליסט וועט געוועונליך זאגן אז א געטליכע התגלות איז ווארשיינליך האלוצינאציע, האט ער אבער נישט קיין ברירה נאר אנצונעמען אז די אמאליגע התגליות פון גאט האט געקענט אויף אן אופן איבערוויזן אן קיין שום ספק אז דאס איז א מציאות, אן קיין שום דמיונות. אין אייער רעאקציע נעמט אבער איר נישט אין באטראכט אט אזא אפציע, א התגלות וואס איז שטערקער ווי דאס וואס די אויגן זעען געוועונליך; א התגלות וואס קען גיין פיל העכער פון לאגיק.

פרעגט נישט מיך וואספארא סארט התגלות דאס איז – איך ווייס נישט. אויף אזויפיל האב איך אבער מכריח געווען אז אפילו דער ראציאנאליסט מוז גלייבן אז אזא התגלות האט פאסירט. און דווקא אט אזא סארט התגלות האלט איך איז נאך חשוב'ער ווי א געוועונליכע ראיה און פון לאגיק.

לאמיך יעצט צוברענגען רעלאוואנטע ציטאטן פון מיין מאמר, און זיי מדייק אז איך האב אונטערגעשטראכן אז איך ווייס נישט וויאזוי עס "קען זיין קלאר אן קיין ספק אז גאט האט זיך טאקע באוויזן," אבער עס איז קלאר אז לויט דער ארטאדאקסישער אמונה האט דאס פאסירט:

אויב מיר זאלן זוכה זיין צו א געטליכער אנטפלעקונג וואו מיר זעען אן קיין ספק ווי גאט זאגט אונז אליין אז מיר זאלן – צום ביישפיל – דיסקרימינירן קעגן כינעזער ... וואלטן מיר געמעגט דאס פאלגן ... ? **אין פאל אזא זאך איז שייך, און אין פאל אז אויף אן אופן קען זיין קלאר אן קיין ספק אז גאט האט זיך טאקע באוויזן,** קלער איך אז דעמאלט פאלן אוועק די אלע רעזערוואציעס וועלכע איך האב געהאט פאר ברייט-אויטאנאמישע חיובים. איך מיין אז אין אזא פאל איז אביעקטיוו איבערצייגט, נאך פיל העכער פון לאגיק, אז דאס איז די ריכטיגע זאך צו טון, און מ'דארף זיך נישט רעכנען מיט דעם פאקט אז די וועלכע וועלן ליידן צוליב דעם ברייט-אויטאנאמישן חיוב זענען נישט איבערצייגט אין דאס וואס מיר זענען איבערצייגט. איך נעם אן אז אן ארטאדאקסיש-אידישער מאמין מוז גלייבן אז עס איז געווען אמאל אין היסטאריע א פונקט ווען גאט האט זיך אויף אן אופן באוויזן פאר אידן...

אייער צווייטע נקודה נוצט א משל וואס פארשווערט מיר פשוט צו פארשטיין וואס איר ווילט. אין פאל פון דעם עירוב זענען אפילו די מחמירים מודה אז עס הייסט נישט קיין ריכטיגער חילול שבת, און דעריבער זענען די אלע פראגעס נישט רעלאוואנט. אבער אן אריינגיין אין פרטים וועל איך מודה זיין אז די גרעניצן פון אויטאנאמיע זענען טאקע נישט קלאר, און פונקט ווי יעדער זאך אין מאראליטעט, קענען זיין פארשידענע אויסטייטשונגען אין די יסודות פון די מושגים. עס וועט דעריבער זיין אבסורד זיך צו שטעלן אויף געוויסע פרטים און ארויסהייבן א מאראלישע דילעמא, ווייל מאראל איז אייביג שווער צו פסק'ענען לויט פארגעשריבענע כללים.❖

קאמענטאר / אין "קאמף" קעגן טעכנאלאגיע:

# איבער דעם "כינוס כלל ישראל בארה"ב"

*[דאס איז אונז צוגעשיקט געווארן דורך א פראמינענטער תלמיד-חכם מופלג, א מרביץ תורה און מחבר-ספרים. דער נאמען איז געהיטן אין רעדאקציע.]*

ווי עס איז ברייט באקאנט גרייטן זיך חרדישע אידן צום גרויסן "כינוס כלל ישראל" וואס גייט פארקומען אי"ה דעם קומענדיגן ערב ר"ח סיון אינעם גיגאנטישן סיטיפיעלד סטאדיום, בהשתתפות גדולי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן, בראשות פון זקן האדמורי"ם האדמו"ר מ'סקולען שליט"א און המשגיח הג"ר מתתיהו סאלאמאן שליט"א, ווי מען גייט דן זיין איבער דעם ברענענדיגן טעכנאלאגיע פראבלעם וואס פארשאפט אזויפיל שלאפלאזע נעכט פאר אונזערע געטרייע רבנים און עסקנים.

צו ערשט וויל איך מקדים זיין, אז מיין ציל איז נישט מיט דעם בריוו צו אפ'חוזק'ען פון די רבנים חלילה, ווי אויך מיין איך נישט צו מינימיזירן דעם פראבלעם וואס טעכנאלאגיע שטעלט פאר מיט זיך. איך וויל נאר דא ארויסברענגען אביסל מיין ווייטאג איבער אן ענין וואס איך גלייב טוט אויך וויי פאר יעדן רעכטדענקענדן מענטש וואס איז נאך נישט פערמענאנט פארקרומט געווארן פון לעבן מיט א פארקרומטע לעבנסשטייגער.

דער אמת איז אז די היימישע צייטונגען וואלט ווען געדארפט שרייען און פארפירן איבער דעם ענין. אבער ליידער, אנשטאט דאס צו אדרעסירן אויף א נארמאלן שטייגער, מאכן זיי זיך צו די אויגן און איגנארירן דעם פראבלעם און אנשטאט פארנעמען זיי זיך מיט אזוינע פראבלעמען ווי טעכנאלאגיע, ווי כאילו דער סיסטעם וואלט ווען געווען פערפעקט און דער איינציגסטער פראבלעם וואס דראעט כלל ישראל איז טעקסט מעסעדזשעס און בלעקבעריס.

פאר מיינע אויגן שטייט נאך יענע טאג ווען איך האב געהערט וועגן דעם ארטיקל אויף דער פאדערשטער זייט פון דעם "ניו יארק טיימס" וואס איז געווען ברייט באריכטעט איבער גאנץ אמעריקע. זיי האבן געמאכט א שטודיע אין וועלכער קאונטי אין גאנץ אמעריקע עס איז פארהאן די גרעסטע פראצענט באניצער פון רעגירונג פראגראמען. צו מיין בושה איז דער "געווינער" אין דעם פארמעסט געווען די קריה נאמנה, קרית יואל אין מאנראו, ניו יארק.

דער חילול השם איז געווען (און איז נאך אלץ) איום ונורא. ס'טייטש, אזוי זענען די אידן וועלכע דארפן זיין אן אור לגוים?! וואס דארפן די דריי הונדערט מיליאן אמעריקאנער בירגער טראכטן ווען זיי זעען אז מיר היימישע אידן - וועלכע זענען לאו דוקא באקאנט מיט זייערע ביישטייערונגען פארן ברייטערן המון עם - זענען די ערשטע אין די רייע צו ארויסשטרעקן די הענט? און דאס איז שוין אויב זיי נעמען אן אז מיר נעמען די פראגראמען אויף א כשר'ן אופן. די גויים וועלכע וואוינען אין ניו יארק אדער אין אנדערע געגנטער ווי חסיד'ישע אידן וואוינען, ווייסן גאר גוט אונזער ברייטן לעבנסשטייגער. צי קוקן זיי אונז נישט אן ווי פאלנע גנבים? וואלטן דען מיר נישט זיי אזוי אנגעקוקט ווען זיי טוען דאס זעלבע?

אבער דער אמת איז אז מיר קענען נישט באשולדיגן די יונגעלייט וועלכע נעמען פון די אלע פראגראמען, ווייל אונזער סיסטעם איז ליידער אויסגעשטעלט אויף אזא וועג אז מ'האט נישט קיין צווייטע ברירות. מיר דארף נישט מאריך זיין איבער דעם חינוך-סיסטעם אין די חסיד'ישע מוסדות. אין קורצן גייט עס בערך אזוי: אין חסיד'ישע חדרים, לערנט מען געוויינליך לימודי קודש ביז פיר אזייגער און נאכדעם לימודי חול פאר א שעה און א פערטל. דאס איז אויך נאר פיר טעג א וואך, פון מאנטאג ביז דאנערשטאג. איך דארף אויך נישט מאריך זיין איבער די צורת הלימודי חול אין חסיד'ישע חדרים, אנגעפאנגען מיטן לערער וועלכער איז על-פי-רוב א גראדואנט פון דעם זעלבן ענגלישן חינוך-סיסטעם, און רעדט קוים א צעבראכענעם ענגליש. אויסלייג און גראמאטיק איז דאך מאן דכר שמיה, און שריפט? דאס איז דאך פאר דאקטוירים! מיט מאטעמאטיק קומט מען קוים אן צום "טיימס טעיבל", צומאל אויך אביסעלע "דעוויזשען" (אויך נאר מיטן אויסרייד אז דאס העלפט צו פארשטיין גמרא), אבער אז עס קומט צו "פרעקשאנס", "דעסימעלס", פראצענט, אלגעברא, איז נישט דא צו וועמען צו רעדן. פרעגט א תלמיד פון די היימישע חדרים, אדער גאר אן ענגליש-לערער אין די היימישע מוסדות, וואס איז דער חילוק פון א נומעראטאר ביז א דינאמענאטאר, וועט ער ניטאמאל וויסן וואס דו ווילסט פון זיין חיות האבן.

ווען מ'האט בר מצוה, מען טוט זיך אויס די גוי'אישע קאלירטע מלבושים און מען טוט זיך אן דעם איידעלן אידישן לבוש, הוט און רעקל, טאר מען שוין מער קיין לימודי חול נישט לערנען מיט דעם בחור'ל. עס גייט ביי דעם דרייצענטן יארגאנג אן דעם חרם פון ר' חיים וואלאזשינער אז א ישיבה מיט לימודי חול גייט נישט צוזאמען, עס דארף זיין על טהרת הקודש. לערנט ער ריין גמרא תוספות ביז די זיבעצן אכצן.

מען מאכט אים א חתן ביי די אכצן, און ביי די צווי און צוואנציג טרעפט ער זיך מיט קע"ה פיר קינדער, און די ווייב מוז שוין אויפגעבן די לערערין דזשאב און "בית רחל" (פארשטייט זיך, אויב זי איז געווען געגנוג מזל'דיג דאס צו באקומען מלכתחילה), און אנשטאט אהיימברענגען די 200 דאלאר א וואך, איז זי פארנומען מיט די פיצעלעך כ"י.

מיט אזא סיסטעם, מה יעשה הבן שלא יחטא? קיין פאך אין דער האנט האט ער נישט, ער האט זיך קיינמאל דאס נישט געלערנט. מען האט ביי אונז פארגעסן פון די גמרא אין קידושין (ל, א) אז "לעולם ילמד אדם את בנו אומנות, ואם לאו כאילו מלמדו ליסטות."

טא, וואס טוט פארלאנגט מען נעבעך פון דעם יונגערמאן? ער דארף דאך קויפן עסן, צאלן הייצונג, רענט, שכר לימוד, הוצאת שבת ויו"ט! דערפאר האט מען ביי אונז אויסגעארבעט א דעטאלירטן פלאן. פאר עסן גייט מען תיכף ומיד ארויף אויף דעם פודסטעמפס פראגראם — עס קומט צוזאמען מיט די תעודת נישואין. דערנאך, ווי נאר די בני בית גייען אריין אין די אנדערע אומשטענדן, קויפט מען אינשורענס ביי מעדיקעיד. פאר הייצונג איז דא היפ, און רענט? אה, רענט איז שוין טאקע יא א פראבלעם. וויאזוי געבן זיך אונזערע יונגעלייטלעך אן עצה מיט רענט? לויפט מען ארום אין אלע פארווארפענע שטעטלעך, וואו עס איז נאר דא אן עפענונג פאר סעקשאן אכט. מקומות ווי מען האט קיין חסיד'ישן איד קיינמאל פריער נישט געזען ווערן פלוצים פארפלייצט מיט פולע באסעס יונגעלייט און בחורים.

פרעג איך אייך, איז דאס א געזונטער סיסטעם? צי וואלט ווען נישט געווען פאסיג, זייענדיג אין אזא שפל המצב, אויסצונוצן די אסיפה און אדרעסירן די

אמת׳ע ברענענדיגע פראגע: וויאזוי קענען מיר אויפציען א דור וועלכער וועט נישט דארפן אדורכגיין דעם פאר׳עיפוש׳טן סיסטעם? אנשטאט שרייען ״יהדות החרדית אנטקעגן טעכנאלאגיע,״ לאמיר שרייען ביז מיר זענען הייזעריג, ״יהדות החרדית אנטקעגן וועלפעיר!״ אנשטאט פרעגן ״ווי אזוי קענען מיר זיין אידן אין אמעריקע?״ לאמיר ליבערשט פרעגן ״וויאזוי קען אמעריקע זיין מיט אידן?״ דער געדאנק איז ווי אויבן דערמאנט. מיר דארפן זיין א הייליג און דערהויבן פאלק, אבער צוערשט דארפן מיר זיין א **פאלק**. א מאסן-וועילפער באנוץ, אן קיין שום נארמאלן סיסטעם וויאזוי צו ציען חיונה, אונטערמינעוועט אונזער סטאטוס אלס פאלק.

ווי שיין וואלט ווען געווען ווען מען מאכט אזא ריזיגע פופציג טויזנט קעפיגע אסיפה, און די רבנים ועסקנים קענען דערנאך דערקלערן ״הודו לה׳, נצחנו את טומאת ארץ העמים,״ מיר האבן מצליח געווען אויפצובויען א פרומע הייליגע קהילה אויפן טמא׳נעם אמעריקאנער קאנטינענט. יעצט איז די צייט זיך אנפאנגען פירן ווי דער רמב״ם שרייבט, קודם בויט מען א הויז מען זאל האבן וואו צו וואוינען, נאכדעם א פעלד מען זאל האבן פון וואנעט צו ציען חיונה, דערנאך איז מען גרייט לישא אשה. און דער רמב״ם פירט אויס מיט א ווארענונג, פירט זיך נישט ווי די משוגעים וואס האבן קודם חתונה און נאכדעם בויט מען א הויז און צום לעצט קויפט מען א פעלד. לאמיר איינמאל פאר אלעמאל דערקלערן: מיר האבן פרובירט דעם דרך המשוגעים און עס גייט נישט – דער רמב״ם איז גערעכט!

און צו לעצט א וויכטיגער אקטועלער געדאנק: ווען אפילו נאר א טייל פון די רבנים וואלטן געהאט די דרייסט צו זאגן אזוינע ווערטער ביי די אסיפה וואלטן זיי געהאט פיל מער נאכפאלגער, און מענטשן וועלכע וואלטן אויסגעפאלגט זייערע הוראות אויך בנוגע די כלי הטעכנאלאגיע.❖

איינדרוקן / פרעמדע השפעות:

פון: ח. לוי

# א ׳שטיבל׳ אין וויליאמסבורג

דאסווארט ״שטיבל״ האט פארשידענע באדייטן, די פשוט׳סטע אפטייטש פון ״שטיבל״ איז א צימער אין א הויז. נאך א טיפערע און מער באנוצטע אנדייטונג אינעם ״שטיבל״ אויסדרוק, איז א באזונדערע סארט שטיבל – פארצייטנס, אין דער אלטער היים אין אייראפע, האט מען אנגערופן די לאקאלע צוזאמטרעף-פלעצער צווישן חסידים פון א פאראייניגטן רבי׳ן מיט אט דעם צויבערנאמען ״שטיבל״, פונקט ווי א שטאט איז גערופן געווארן ״שטעטל״ ווען עס האט אנגעדייט עפעס א באזונדערקייט, געווענליך עפעס א געשמאקער פונקט אינעם שטאט, ״ביי אונז אין שטעטל.״

דאס שטיבל אין די פוילישע שטעטלעך און דערפלעך האט געדינט א פילפאכיגן דינסט, עס איז געווען אין שטיבל וואו חסידים פון רבי׳ן האבן אינאיינעם טאקע געדאווענט, אבער נאך מער פון דעם, עס איז בעיקר געווען דאס פלאץ וואו מען האט אינאיינעם פארבראכט, געשמועסט, דערציילט, און געזיפעצט אויפ׳ן ניש׳קשה׳דיגן שיקזאל, און נאכער זיך דערלאנגט ״לחיים״ איבער א גלעזל משקה, ברוינפן צי מעד גאר. עס איז געווען דאס שטיבל וואו די בחורימ׳לעך זענען אין די לאנגע טעג געזעסן געבויגן ביי די שטענדערס, און ביינאכט די שטעטל אידן איבער׳ן ״תיקוני זוהר״ און ״תיקון לאה״. דארט אין שטיבל האט מען געפראוועט די מלוה דמלכה׳ס מיט׳ן רבינ׳ס גבאי וואס האט ביי יעדן באזוך געהאט איבערצוגעבן אפאר פרישע מופתים פון רבינ׳ס הויף, דארט האט מען אויך בארעדט יאנקל׳ס טעכטער און קריינטשא-רבקה׳ס מאן...

און צום שטיבל האט מען זיך אייביג אזוי געבענקט; דער מושג ״היימישקייט״ איז געוועהן א זאך וואס האט זיך אין שטיבל געשאפן. היטלער מיט זיינע עס-עס לייט האבן דאס אלעס פארטיליגט, און דאס שטיבל האט געטיילט אן ענליכן גורל ווי זיינע אידן.

פון דעם שטיבל פון מזרח אייראפע, איז אין ארץ ישראל דערנאך אויסגעוואקסן די ״שטיבלאך״ אין די גאר פאפולערע קאנדענצירטע היימישע אידישע צענטערן, ווי ״איצקוביץ״, ״זכרון משה״ און נאך, אבער מיט גאר אן אנדער באדייט. עס איז גראדע די נישט חסידים וואס האבן זיי געשאפן, און טראגט דערפאר א שטרענגערן און פיל ערנסטערן טאן; זיי זענען ״שטיבלאך״ בלויז צוליב דעם פאקט וואס דארט איז פארהאן פילע צימערן, און פאלישלעך וואו מען קען דאווענען און דאווענען, עס האט נישט דעם יעניגן שמעק אדער גוסטע, און איז זייער א ווייטער משל אויף דעם שטעטלישן שטיבל; עס איז ווייט נישט קיין אפשפיגלונג איבער וואס עס איז זיך פארגאנגען אינעם ווארעמען היימישן ווינקל.

איך קום נישט שרייבן קיינע לאנגע עסייען איבער דעם שטיבל פון אמאל, איך בין אויך נישט אויסן צו עטימאלאגירן די פונקטליכע שטאם פונעם ווארט, און מיטרייזן מיט איר לאנגער באנוץ-רייזע, איך האף פשוט מיטצוטיילן מיט אייך אז עס האט זיך גרופירט א חברה אינעם רוישיגן ניו-יארק, אינעם דוקא אזוי-היימישן וויליאמסבורג, און געשאפן א נייעם סארט ״אומהיימליך״ פלאץ, און זיי האבן עס קורא שם געווען ״שטיבל״ – מיט דעם האט דער מושג ״שטיבל״ אנגענומען א פרישע פאזע און איר לאנגער עוואלוציע.

״אומהיימליך״, האב איך עס באצייכנט? נישט ריכטיג, עס איז זייער היימיש לויט אנדערע סטאנדארטן, אפשר גאר צו היימיש לויט די אנגענומענע כללים! דארט נעמט דאס ווארט ״היימיש״ אריין יעדער וואס וויל אונטער אירע ארעמס זיך אונטערלאנען, דאס ווארט היימיש באקליידעט יעדן וואס איז נאקעט פון די ״היימישע״ טראגע, און מאטעריאליסטישע פארשידנארטיגקייטן פון לבוש און אויסזען ווערן גענצליך פארקוקט און איגנארירט מחמת די היימישקייט וואס קומט מכח די אינערליכע באהאפטנקייט וואס איז נאטירליך דער פאל ביי יעדן וואס איז באהאפטן צום זעלבן גלויבן.

מחמת מיין וואקסענדן נייגער האב איך צו מיר געקלערט אז איך מוז א בליק טאן אריין אין דעם שטיבל. אין איינע פון די קעלערן פון שטאט געפינט זיך אט דער שטיבל, אזוי איז זיך די שמועה דערגאנגען צו מיר. ׳איז עס בלויז נאך א בית מדרש, אדער עפעס מער, עפעס אויסערארנדליך און אויסערגעוועגליך?׳ קלער איך מיר אזוי אין דער שטיל. איך וויל מער וויסן איבער די מתפללים, איבער די מאטיוון פון די מייסדים, איבער די פירונגען און מנהגים דארטן. בלויז א בליק טאן פון דער נאנט פעסטצושטעלן און אריינזעצן די אלע גריסן אין זייער קאנטעקסט.

אט דערזע איך מיר איין פרייטאג שטיין ביים ווינקל פון דער פען-ווייט שטראסע, זייער נאנט צו אלט-וויליאמסבורג, אבער פארט אביסל ביים עק. עס איז שפעט נאכמיטאג ווען די זון רוילט נאך אויף די ביימער אנטקעגן מזרח, און באווייזט נאך צו שיקן אפאר לעצטע שטראלן אויף דער זייט וועלט וואס זי גרייט זיך צו איצט צו פארלאזן. די זון ווינקט שוין צו דער לבנה זי זאל ארויפקומען אויפ׳ן אויבערפלאך. די לבנה איילט זיך נאך נישט דערצו, דערווייל. אזוי

בין השמשות׳דיג אינעם עטוואס קילן ווינטל וואס קומט מיר אנטקעגן, שטיי איך נעבן א רויט-געפארבטן ציגל-הויז ארומגענומען מיט א אלטן צוים, אזוינס וואס מען האט גענוצט אין אמעריקע אין די פריע ניינצן-הונדערט יארן. דארט אינמיטן דעם הויף איז אויסגעגראבן א לעכל, און טרעפלעך פארמירן א וועג אראפ צום קעלער פון הויז. איך מאך מיין וועג אראפ די פאָר ליימיגע טרעפ. נאך די ערשטע טרעפ נעם איך אין באטראכט זיך צו היטן נישט אומצופאלן אינעם טונקעלן גרוב, ווייל אז יא, ווער ווייסט ווילאנג איך וועל ווארטן ביז איינער וועט אריבערגיין דעם ליידיגן גאס און הערן מיינע קרעכצן. איך גיי נאך א טריט פאמעליך, און אויסגערעכנט, אט קום איך אן אונטן, איך שטיי פאר אן אייזערנעם טיר, פארמאכט.

בין איך אויפ׳ן ריכטיגן פלאץ? וואספארא בייזע ווינט האט מיך דא אהער געבלאזן? דאס ארט זעט דאך אויס צוגעפאסט בלויז פאר די פארשטויבטע סוכה-ברעטער און פסח׳דיגע אייוועלע. דא צווישן די פונדאמענט-ווענט לעבט דאך די טויטע שטילקייט, און דא געפינט זיך די קעניגרייך פון שימל און שטויב. אבער ווי קום איך דא אהער פרייטאג ווען דער שבת פאלט אט אט צו? איך שטרענג אן מיינע אויערן צי איך הער אפשר דאך עפעס א שארך, א קריץ, א לעבעדיגן סימן. און ניין, דערוויל אן ערפאלג. איך רוק צו מיין האנט צו דער פארזשאווערטער קלאמקע, איך גיב איר א דריי, און די אייזערנע טיר צעעפנט זיך ברייט. איך בין אינעווייניג...

איך שטעל א טריט פאראויס אריין אינעם אפגרונד, איך כאפ א בליק אויף די נאקעטע ציגל-ווענט, איך באמערק ווי רייך די ארימקייט פון דאס פלאץ איז. און אט דערגייט צו מיין אויער א מעלאדיע, עפעס א געבארום רייסט זיך צו מיינע אויערן און נעמט איבער מיין חוש השמיעה. אה, דאס איז עס, דאס מוז עס זיין, הייסט עס איך בין יא אויפ׳ן ריכטיגן ארט, גענוי דא איז מיין ציל... איך שטעל א טריט ווייטער, איצט היט איך מיר, און איך פאס אויף שוין נישט צו מאכן קיין איבעריגע גערודער, און איך פרוביר צו גיין נענטער און נאכגיין פון וואנעט דאס קול קומט.

איך אטעם שטיל איך וויל נישט ציען קיין אויפמערקזאמקייט, איך בין דאך ווילד-פרעמד, איך באלאנג דאך נישט דא אהער. איך הער אבער נישט קיין דאווענען, איך הער נישט קיינע קענטליכע תנועות וואס איך בין געוואוינט צו הערן אין מיין שולעכל. אפשר בין איך שוין שפעט, בין איך אזא שלומיאל און איך האב שוין פארשפעטיגט? איך בייג מיך נענטער, איך הער מיין הארץ קלאפעניש שטערקער, און א קאלטן שוויס באנעצט מיין פארקורטשטן פנים.

״גוט שבת, גוט שבת, גוט שבת, גוט שבת, אוי גוט שבת, גוט שבת, גוט שאאאבעס.״ ערגעץ האב איך שוין געהערט אט די באנומענע געזאנג, די זיסע נאטן. יא, איך דערמאן זיך, עפעס פארבארגענע געפילן פילן אן דעם אויבנאן פון מיין הארץ, א בענקעניש צו דעם יעניגן שבת, אוי, ״לכו נרננה לאהאאשעם, נריעה לצור ישענו.״ דערנאך פאלגט נאך דער ״שירו לשם שיר חדש,״ און מען זינגט שוין דעם ״משה ואהרן בכהניו ושמואל... רווהיוהיוהיוהיוהימעמו לשם אלקינו, כי קדוש השם אלקינו.״ און דערנאך ווייטער, מזמור לדוד הבו להשם בני אלים...

ווער זינגט דאס? איך ווער אריינגעצויגן נענטער צו דער עפענונג פון דעם אינעווייניגסטן שטוב, די ציגל-ווענט אומגעפארבט; אנטבלויזט און דערשראקן. אינדערמיט שטייט א שטיינערנע מויער מיט א עפענונג, איך ווער אהינגעצויגן מיט קראפט און דארט האט זיך מיר אנטפלעקט דאס שטיבל מיט איר גאנצן פראכט. איך שטיי און איך ווער פארגאפט, מיין בלוט הערט אויף צו לויפן אויף זייערע אדער וועגלעך זיי ווערן פארהארטעוועט, מיינע פיס ווערן ווי מיט בליי אנגעפילט, און איך שטיי פאר׳כישופ׳ט פונעם ספעקטאקל...

דאס איז גאר אינמיטן דאווענען, אזוי דאוועגט מען דא אין שטיבל. איך זע ווי עס זיצן אידן אינאיינעם אין א רונד און פארסמאקעווען זיך מיט די קאפיטלען; זיי טרינקען מיט דורשט די ווערטער וואס זייער הארץ שפריצט ארויס אין פארעם פון דעם מעכטיגן ליד; זיי אטעמען די לויטערע גן-עדן לופט וואס די פליגלען פון דער מעלאדיע האבן פאר זיי געבראכט... איך שפיר ווי די גאנצע נאטור האט זיך פאר זיי ווי אפגעשטעלט, אויך דער זייגער האט פאר זייערטוועגן אפגעשטעלט זיין גאלאפ. הימל און ערד האבן זיך צוזאמגעקושט און כאפן זיך אן אינאיינעם צוצוהערן צו אט דער הערליכער ארקעסטער.

די טענער שפרייזן ארויף און אראפ אויף מיינע נערוון, און איך ווער פארכאפט אין א וואלד פון זכרונות. מיין נשמה שטופט זיך אריין אינעם געדעכטן קעלער און וויל נישט פארפעלן קיין זאץ.

מיינע פארטעמפטע חושים, און נידעריגע, וואכעדיגע נייגונגען ווערן צושמאלצן פון דער גליעדיגער פארע וואס די הייסע, שבת׳דיגע אטמאספערע לאזט ארויס. איך כאפ מיך אן אינעם וואנט, איך שפיר ווי מיינע אברים ווילן זיך צעעפענען און מאכן מער פלאץ פאר די מוזיק פון די ספערן. איך הער זיך צו צום טאקט, עס הערט זיך ווי א כאר וואס ווערט באגלייט מיט אן איידלען פידל און א קוויטשיגן קלארינעט, און אינדערמיט — א פארבענקטער גיטאר. מיין קאלטן געוויסן ווערט פארווארעמט, איך הער ווייטער ווי די אידן לייענען נאך דוד המלכ׳ס שילדערונג וויאזוי די וואסערן ווערן דערציטערט, די פעלדער און וועלדער שפרונגען אונטער, און די לערע ביימלעך פאטשען מיט זייער הענט פאר׳ן גרויסן באשעפער וואס האט זיי באשאפן.

די גאנצע הימלדיגע מיליטער הערט זיך איצט צו צו דעם מעכטיגן געזאנג. די ליד שאקלט די סטרונעס פונעם שבת-הארפ דארט זייער הויעך ווי די שבת המלכה זיצט ארומגענומען מיט אירע באדינער, און רופן צו די מיידל-דינער וועלכע העלפן אונטער די כלה, לכה דודי לקראת כלה — לאזט איר אויסשפרייטן אירע פליגלען און באדעקן די וועלט מיט איר פרעכטיגן שיין.

די ליד פראגרעסירט, נייע טענער, אלע מישן אויף די נאטן-בוך צו דעם שטיקל וואס רבי שלמה אלקבץ האט פארפאסט און פארשריבן, און אלע מיטן טאקט הייבן אן צו שאלן און זינגען מקדש מלך עיר מלוכה, קומי צאי מתוך ההפיכה — שוין גענוג געליטן, שוין גענוג פארשקלאפט, טו שוין אויס דיין שטויביגן אבל-קלייד; שוין גענוג געוועהן אקופירט מיט ליידיגקייט, כאפ אן דיינע קינדערלעך און רוף זיי צוריק אהיים, על יד איש בן פרצי, ונשמחה ונגילה.

אט קלימאקסירן זיי, ווען דער שבת אליין גייט באגריסן וואָרעם די אנוועזנדע מיט א סאלא-שטיקל, און זינגט אליינס אפ א שיר ליום השבת. מען גייט אריין אין עקסטאז פון די הערליכע ווערטער. מען



א פיירדיגער טאנץ אין ״שטיבל״

אטעמט אפ און מען רוט זיך אביסל אפ, מען נידערט די טענער ביי דעם נאכפאלגנדן מעריב, וואס קומט נישט צו א שלוס פאר׳ן אויפרופן דעם שבת נאכאמאל מיט א שיין בא׳נוסח׳טן ושמרו, און מקדש השבת.

אזוי אנגענעם, אזוי ערהארבן, אלע געזונגען אינאיינעם מיט אזא ליבע צו דער בריאה, און צו אלעם ארום, איך זע ווי די אידן ווינטשן זיך איינער דעם אנדערן ווארעמע הארציגע ווינטשן, שבת שלום. עטליכע מערקן איצט מיין אנוועזנהייט און שטרעקן אויס די האנט מיט א ברייטן שלום. ״איר זענט דא זייער אן אנגענעמער גאסט,״ רופט איינער פון זיי אויס. דער מעסעדזש איז קלאר: ׳דאס פלאץ איז אפן און מיר זענען נישט דערשראקן פון דרויסנדיגע אריינדרינגער, מיר גלייכן יעדן איד, מיר פרייען זיך צוצושטעלן אן אפען טיר פאר ווער עס וויל.׳

איך רוק צו א שטול נעבן די ספרים שראנק וואס איך האב שוין פריער עספיעט צו באמערקן אין ווינקל פון שטיבל. איך כאפ א בליק אויף די שאפקעס, איך ווער באגייסטערט צו טרעפן ספרים פון די גרויסע טראכטער און פיאנירן פון אידישן פאלק. געשריבענע ווערק פון די וואס האבן געהאלפן אויסטרעטן די מיסטישע לערנונג פאר יעדן פשוט׳ן איד אינעם אזוי לאנג-פארצויגענעם גלות. באזונדער באמערק איך ספרים פונעם גרויסן רבי נחמן פון ברסלב, און ער שטייט זייט ביי זייט מיט אן ״אורות התשובה״ פון הגראי״ה קוק. דערנאך זע איך אן ״אם הבנים שמחה״, וואס זאגט מיר אז עס איז טוט זיך דא עפעס א סארט געהיימע חיבת-ציון אויפוואכונג; אידן וואס קומען דא פלאקערן פאר זייער אידענטיטעט, און שפירן אז נאר דורך א לאנד זענען זיי גאנץ. נו, וואס זאל איך דערצו זאגן... אויך א ספר׳ל איבער הרב קארליבאך זע איך פארוואלגערט אין איין ארט, דערנאך זע איך א הויפן פון ספרים וואס באנעמען זיך מיט די ״בין אדם לחבירו״ הלכות פון דער תורה. איך בליק אריין אין זיי... ״יא, דא איז זייער א ליבליך פלאץ; מען זוכט נישט קיינעם ארונטערצורייסן און בארעדן ח״ו,״ רופט זיך צו מיר איינער אן. ״דא האט מען ליב גאט מיט אלע זיינע באשעפענישן,״ דערקלערט ער, דערפאר ליגן די ספרים דא אלס דערמאנונג...

אין א שטיקל שמועס וואס איז מיר אויסגעקומען נאכדעם מיט איינעם א מיטגלידער, לייגט ער מיר אראפ די יסודות אויף וואס דאס שטיבל איז געבויעט. עס איז צו פארזיכערן אז אידן אזוי ווי מיר האבן א פלאץ צו זינגען פאר גאט; א פלאץ וואו דער ששת-ימי-המעשה איד וועט שפירן א געשמאק צו קומען און פארברענגען און דאדורך אויפוועקן זיינע ספיריטואלע הרגשים און זיי מקדיש זיין פאר גאט. עס איז נישט קיין פלאץ וואו מען זאגט נאר ווערטער פונעם זעלבן סידור וואס אונזערע זיידעס האבן שוין נישט געהאט קיין געדולד צו זאגן, נאר מען טרעפט אין סידור ווערטער וואס דער נפש וויל און לעכצט שטארק זיי אויסצודרוקן... ער ערקלערט מיר אז דאס פלאץ ווערט געפירט זייער ברודערליך און אינאיינעם, אן קיינע ״שיינע אידן״ – ״יעדער איד איז שיין אויף זיין אייגענעם אופן,״ זאגט ער מיר. אין די געוועגליכע שולן שפירט ער זיך ווארשיינליך ווי א ראבאטישע מאשינקע וואס איינער האט זייער לאנג צוריק פראגראמירט, און ער וויל צוריק זיין הומאניסטישע רעכטן... אבער איך בין נישט דא אים פערזענליך צו אנאליזירן, איך בין בלויז א זייטנקוקער.

עס קומט מיר אין געדאנק די טיפע מענטשליכע ווילן זיך צו באפרייען פון אונטערדרוקער, די תאווה אראפצואווארפן הערשאפט פון אנדערע וועלכע האבן תאווה צו הערשן, און שטעלן אין איר פלאץ א ריינע סאציאלע דעמאקראטישע פירונג וואס ווערט געפירט פון ברודערלעך אינאיינעם, און טוען בלויז וואס ס׳הארץ באגערט. איז אייך באקאנט אט די מלחמה, אט די סאציאלע פריקציע, צווישן הערן און דינער, צווישן פויערן און גוטהאלטער, צווישן קאנסערוואטיוון און פראגרעסירער? אין יעדן ווינקל פון דער וועלט, און יעדן דור פון דער וועלט, איז אט די מלחמה פארהאן, און געווען! עס נעמט בלויז אלס אָן אנדערע לבושים און מיטלען.

מיט די אויפקלערונגען אין געדאנק קומט מיר נאכדעם אויס צו באטראכטן דעם ציבור וואס האט פריער פארמירט די רונד ביים דאווענען. איך זע אידן פון אלע סארטן, אלע מינים. אן אינטערעסאנטן צוזאמשטעל פון פילע שטרעמונגען האבן זיך צוזאמגעטראפן אינאיינעם אין דעם פייכטן קעלער, מיט איין שותפות׳דיגן ציל, וואס איך האב נאך כלל נישט עספיעט ארויסצוהאבן קלאר. אבער דאך איז עס א באגייסטערונג צו זען ווי פילע פונעם ציבור באשטייען פון אזוינע וואס איך בין געוואוינט צו זען אין אלע גרויסע שולן און צענטערן פון שטאט, אנדערע וועלכע מען זעט געוועגליך דווקא אין אנדערע ווייטע געגנטער, פארהייראטע, אומפארהייראטע, און אפילו טאטעס מיט בחורים׳לעך זע איך מער ווי עטליכע.

איצט מאך איך מיין וועג צוריק צום טיר, און איך באמערק אויפ׳ן וואנט אט די מודעה וואס האט מיר פארשטיין געגעבן די לעצט-פארבליבענע צווייפלען מיינע, און מיט דעם האב איך פארפארטיגט דעם לעצטן שטיקל אינעם קאמפליצירטן פאזל, און דערמיט האב איך מיר געלאזט ארויס צו די טרעפן וואס האבן מיר צוריק ארויפגעפירט אריין אין די פיר ווענט פון וויליאמסבורג, און יא, דער שבת האט זיך שוין באזעצט, און די זילבערנע לבנה באגריסט מיר שוין ״גוט שבת.״

## אקופיר ראדני סטריט פון: שמואל כ״ץ

המשך פון ערשטער זייט

געזעלשאפט מיך געמאכט טראכטן איבער אן אלטער פראגע: קען א רעוואלוציע אמאל אנקומען צו דער חסידישער וועלט?

עס איז נישט קיין סוד – פאר די וואס קענען די חסידישע וועלט בעסער ווי דעם פובליק אימאזש פון גרויסע צופרידענע פאמיליעס – אז די חסידישע וועלט קען נוצן היבשע שינויים. חוץ די אפענע השחתה – ווי מאסן גניבה פון ציבור׳ישן געלט און דער זארג אויף דעם אימאזש פון דער געזעלשאפט וואס נעמט פרעצעדענט איבער דעם זארג פאר אינדיווידועלן (ווי באשיצן פעדאפילן) – איז פאראן דער גרעסטער צורך פאר א רעוואלוציע קעגן אן אידעאלאגיע וועלכע איז לאו-דוקא שלעכט אדער רשעות׳דיג אבער וועמענ׳ס רעזולטאטן מאכן שרעקליכע חורבנות. איך רעד פון, צווישן אנדערע, דאס צוריקהאלטן א ברייטע וועלטליכע בילדונג פון גאנצע דורות פון מענער און פרויען, אוועקנעמענדיג פון זיי די מעגליכקייט פון אנטוויקלען אינפארמירטע און זעלבסשטענדיגע מיינונגען, און דער קולטורעלער שאנטאזש קעגן די וואס האלטן אנדערש אדער ווילן נישט קאנפארמירן.

איך וואלט ליב געהאט צו זען א רעוואלוציע אויף ראדני סטריט. פונקט ווי וואל סטריט סימבאליזירט דאס געלט-גייציגקייט פון דער ביזנעס-וועלט, ראדני סטריט – די סימבאלישע הויפטקווארטיר פון דער סאטמארער סעקטע – פארקערפערט דעם צוריקגעשטאנענעם בליק פון דער היינט-צייטיגער חסידישער געזעלשאפט. עס איז דער ארט פון וואנעט די אידעאלאגיע איז אריגינעל געווארן פארשפרייט, אן אידעאלאגיע וועלכע פארלייקנט די מענטשליכע רעכטן און אינדיווידועלע ווירדע סיי פאר די וועלכע געפינען זיך

אינערהאלב איר און סיי פאר די פון אינדרויסן. מיר דארפן א רעוואלוציע וועלכע ערלויבט די וועלכע געפינען זיך אין אירע אידעאלאגישע גרעניצן אליין אויסצואוועלן אט די וועלטאנשויאונג אדער זיך אויסצוקלויבן א צווייטע.

יעדע רעוואלוציע פארמאגט א באס-רייזע, און די דאזיגע רעוואלוציע פאר מיר, האט שוין געהאט איר באס-רייזע מער פון פינף יאר צוריק, ווען איך בין געווען א פופצן יעריגער ישיבה-בחור.

עס איז געווען דעצעמבער 1, 2005, און איך בין געפארן אויף דעם בי-16 באס אראפּ בארא-פּארק׳ס זעכצנטער עוועניו אנצוקומען צו ישיבה. מיין חבר נחום איז מיט מיר געפארן אויפ׳ן באס, און, ווי יעדן אינדערפרי, האבן מיר זיך געזעצט איינער נעבן צווייטן אנכאפּנדיג אונזערע תפילין-בייטלעך און מאכנדיג זיכער צו פארמיידן צו רירן פרויען, אלס מורא פון שלעכטע הרהורים וואס דאס קען ברענגען.

יענעם אינדערפרי איז געווען איין זיץ פארנט פון דעם באס וועלכע איז געבליבן ליידיג. אויף א מודעה העכער דער זיץ איז געשטאנען, ״עס האט זיך אנגעפאנגען אויף א באס,״ און אונטער דעם איז געווען דאס בילד פון ראזא פּארקס זיצנדיג אויף א באס פּונקט פופציג יאר פריער. אונטער דעם בילד איז געווען א נאטיץ וועלכע האט געבעטן די רייזנדע צו לאזן די זיץ ליידיג אין איר אנדענק.

נחום האט אנגעוויזן אויף דער מודעה, און מיך געגעבן א פרעגנדיגן בליק. ער האט געוואוסט אז איך בין מער באקאנט מיט אלגעמיינער וויסנשאפט – ״וועלטליך,״ ווי ער און מיינע חברים האבן עס גערופן. איך האב אים דערציילט וועגן ראזא פּארקס און וויאזוי דער דאזיגער וועג-ווייזנדער אקט האט געפירט צו דעם ״מאנטגאמערי באס באיקאט״, האט אינספּירירט דורות פון ציווילע רעכטן אקטיוויסטן, און האט געפירט צו דויערהאפטיגע ענדערונגען דורך אנטי-דיסקרימינאציע געזעצן.

נחום איז בכלל נישט געווען באאיינדרוקט. פאר אים איז ציווילע רעכטן פאר אפריקאנער-אמעריקאנער אדער פאר פרויען געווען א משוגעת ערפינדן דורך די וועלכע באטראכטן זיך ווי ״מאדערן״ און ״אויפגעקלערט״. נחום האט מיך גוט אנגעקוקט און דאן האט ער צושפּאצירט צו דער ליידיגער זיץ און האט זיך אראפּגעזעצט.

״נחום!״ האט איך געשישקעט אנכאפּנדיג זיין ארעם. ער האט זיך געקייכט פאר געלעכטער, און האט געזאגט אז איך בין משוגע אז ראזא פּארקס גייט מיך בכלל אן; אז ציווילע רעכטן ארן מיר, אז איך האב אן אינטערעסע אין סיי וואס אינדרויסן פון אונזער אייגענער קליינער וועלט. ער האט ווייטער געלאכט און געשאקלט מיט דעם קאפּ.

נחום איז אראפּגעגאנגען פון דעם באס עטליכע גאסן פאר מיר. מיר זענען געגאנגען צו דער זעלבער ישיבה, אבער ער האט געוואלט שפּאצירן די לעצטע פּאָר גאסן, אז ער זאל נאך קענען אריינכאפּן א ציגארעטל פאר מיר פאנגען אן דאס לערנען. מיר זענעןביידע נאך נישט געווען זעכצן דעמאלט. איך האב געקוקט אויף דעם בילד פון ראזא פּארקס און די זיץ וועלכע איז געווידמעט געווארן פאר איר זכרון, און דורך דעם פענסטער האב איך געזען נחום אנצינדן זיין ציגארעטל גייענדיג אין גאס מיט דער טיפּישער ישיבה-בחור׳ישער גאוה. איך האב דעמאלס פארשטאנען אז א רעוואלוציע ווי די וועלכע ראזא פּארקס האט אנגעצינדן וועט קיינמאל נישט געשען דא – נישט ווייל עס קומען נישט פּאָר אומגערעכטיגקייטן, נאר ווייל די שפּראך פון פרייהייט, ווירדע, און אינדיווידואליטעט ווערט באטראכט ווי לעכערליך.

די מענטשן אין מידאן א-טאַכריר, אין ליביע, אין טוניזיע, אין זוקאָטי פּארק, אלע ווייסן פון פרייהייט און יוסטיץ און זיי רעספּעקטירן עס. אבער אן אינטעגראלער חלק פון דער חסידישער אידעאלאגיע איז די באנאליטעט פון אט די אידעען, און דאס איז איר גרעסטע אומגערעכטיגקייט; זי גיט די געזעלשאפט אימוניטעט צו ענדערונגען.

די גרעסטע אומגערעכטיגקייט אויף דעם ״בארא-פּארק-וויליאמסבורג״ באס איז נישט די צעטיילונג פון מענער און פרויען, נאר די אידעאלאגיע וואס מאכט אז מענטשן זאלן זיין בסדר מיט אזא איינפירונג. דער פאקט אז מענער און פרויען קענען פארן אויף א באס אין דעם איין-און-צוואנציגסטן יאר-הונדערט וואו פרויען ווערן געשיקט פון הינטן אן דעם וואס עס זאל אפילו איינעם שטערן, ווייזט אן אויף א פּסיכאלאגישער און קולטורעלער גרויזאמקייט וואס גייט פיל טיפער פון דעם חלק פון דעם באס וואו איינער מעג יא אדער נישט זיצן. דער פאקט אז באשווינדלען די רעגירונג פון שטייער-צאלער פאנדן איז אנגענומען ביי די חסידישע מאסן ווי דער נארמע, אדער אפילו ווי ס׳קומט זיך זיי, איז נאך א פיל גרעסערע פארברעכן ווי דער שווינדל זעלבסט.

די חסידישע געזעלשאפט איז אימון צו ענדערונגען אדאנק אט די קולטורעלע גרעניצן. וויבאלד זיי האבן ערצויגן א דור וואס פארשטייט נישט זייער אייגענע פארברעכנס אפילו ווען, ווי אין דעם פאל פון דער געשלעכט-איינטיילונג, דער פארברעכן איז קעגן זיי אליין. זיי האבן ערצויגן א דור פון פרויען וועלכער ווערן נישט געשטערט דורך שילדן וועלכע בעטן זיי זיך צו רוקן אין א זייט פאר מענער. זיי האבן ערצויגן א דור וואס שפּירט פּריוויליגירט ווען מען נעמט אוועק פון זיי בילדונג וואס וואלט זיי צוגעשטעלט וויסנשאפט און עקאנאמישע מעגליכקייטן. זיי האבן ערצויגן א דור וועלכע לאכט פון וואס ראזא פּארקס האט געטון.

די חסידישע געזעלשאפט האט אסאך פּראבלעמען, אבער וואס עס פעלט איר דאס מערסטע איז די באוואוסטזיניגקייט צו אט די פּראבלעמען. אן די באוואוסטזיניגקייט, און מיט די אידעען פון פרייהייט און אינדיווידואליטעט באטראכט אלס לעכערליך, צווייפל איך שטארק צי א רעוואלוציע קען אמאל אנקומען צו זייער וועלט. די חסידישע געזעלשאפט איז א קערפּער וואס ווייסט נישט אז זי איז קראנק און גלייבט נישט אין מעדיצין, א מחלה וואס קיין שום דאקטאר קען נישט היילן.

אבער דאך, צומאל בין איך אפּטימיסטיש און איך זאג צו מיר אז אוועקשטעלן כללים און קריטעריאנען אויף רעוואלוציעס איז ווי באצווינגען א פאָרם פאר פלוסיגקייטן. רעוואלוציעס ווערן דעפינירט מיט דעם אז זיי פארמאגן נישט קיין כללים. אפשר וועט איין טאג א חסידישער יונגערמאן, באוויינענדיג דעם פאקט אז ער איז נישט צוגעגרייט געווארן צו קענען צושטעלן פּרנסה פאר זיין פאמיליע; צי א יונגע מאמע פון דריי קינדער וועלכע פאנגט אן באגרייפן אז איר אינטעליגענץ איז געווארן אונטערגעשאצט; אדער א קינד וועלכע האט מיטגעמאכט אביוז, אבער דער פארברעכער האט קיינמאל נישט געליטן די קאנסעקווענצן, עפענען א טוויטער אקאונט, און וועט אריינטייפּן די ווערטער: #OccupyRodneyStreet.❖

---

*שמואל כ״ץ שטודירט ביאָכעמיע און טעאַטער-קונסט אין סטאָני-ברוק אוניווערסיטעט. דער ארטיקל איז אדאפּטירט, מיט רשות, פון Unpious.com.*

**פאעזיע** / גאט׳ס ענטפער:

פון: שמואל א׳

אינמיטן שלאף זיך דערוועקט,
אבער כ׳בין אינגאנצן שטום,
מיט שווייס איבערגעדעקט,
איך זע זיך נישט ארויס פון דעם מום.

ביז היינט א שטימע פארמאגט,
וואס האט פלוצלונג פאסירט,
האב איך עפעס שלעכט געזאגט,
אז אזא שטימעניש האט זיך פארמירט.

אבער דאן האב איך געזען די פיין,
פון מיין ליבלונג דער חסיד,
פארכמארעט אן א ברעקל שיין,
זיצט און וויינט אויף זיין עתיד.

פרי פארטאגס, פיר אזייגער,
א קאלטן שווייס מיט שרעק,
זיין ראלע אלס מיין סניגור,
איז געקומען צו אן עק.

צעבראכן איז ער, פארקלעמט,
ער שפירט ווי דעם טאטן פארלוירן,
דאס פעדערל אין דער האנט ער נעמט,
וויינט אויף דעם עולם הבא אנגעוואוירן.

וויש דיך אפ די טרערן,
הער זיך איין אצינד,
לאמיר צוזאמען קלערן,
מיין טייער ליב קינד.

אט פאנג איך אן צו פארשטיין,
וואס דער נאטור פון מיין דיבור איז,
וואס גיט מיר כוח אנצוגיין,
און וואס איז גורם א פאראליז.

די פראגע פון לאנגע דורות,
נאך זינט דער תאווה פאר׳ן עפל,
פילע מסקנות און לכאורה׳ס,
אבער איך בלייב אין א נעפל.

מיט קירכע-גלאקן קלינגען,
מיט חשבונות טיפע חכמה והשכל,
וויל מען מיר ארייינצווינגען,
דענקער פון אריסטו ביז פאַסקאל.

מען טוט צו א מסקנה האָפן,
גאט אין לעבן ארייינברענגען,
מ׳אנגאזשירט דיקטאטורן און פילאזאפן,
אפילו אויף א פאדים אנהענגען.

פארגעס באווייזן, פארגעס הוכחות,
וועטן אויף מיינע שאנסן פארמיידן,
נעם נישט צו הארצן קללות און ברכות,
ווייל עס וועט דיר נאר מאכן ליידן.

דורך דיין הארץ מיין עקזיסטענץ,
מיר צו באשאפן יש מאין,
נאר דורך דיין אינטערוועגץ,
אזא קיום פארדייען.

דערפאר שרייב איך דעם חיבור,
דו זאלסט מיר געבן כוח צו זיין,
געב מיר צוריק דעם דיבור,
אפילו אלס דעם גאט פון איינשטיין.

אויף צוריק איז דא א וועג,
נישט נאר פאר א קאָזע,
יעצט, וויבאלד יעדע מחשבה מ׳מעג,
נעם אין באטראכט דעם גאט פון שפינאָזע.

דאס אנערקענען אומבאגרייפבארקייט,
שיינקייט און לאגיק די מאניפעסטאציע,
די רעליגיעזע געפיל פון דאנקבארקייט,
קען דינען ווי אן אילוסטראציע.

טיפקייט פון נאטור אלעס ארום,
׳א-להים׳ איז ווי ׳הטבע׳ די צאל,
אזוי וועל איך מער נישט זיין שטום,
דיין אמאליגער גאט נאכאמאל.

״שבת בלעטל״, געווידמעט ליטעראטור און מחשבה, ווערט ארויסגעגעבן דורך א גרופע חסידים. די בלעטער קענען ווערן אראפגעלאדנט אויף: ShabbosBlettel.wordpress.com.

מאמרים ווערן אנגענומען אין אידיש, לשה״ק-עברית, און ענגליש. זיך צו פארבינדן, שרייבט צו: ShabbosBlettel@gmail.com.